# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# תוכחת מוסר
## הלכות דעות
## והלכות תשובה
להרמב"ם ז"ל
בלשון הקודש ואידיש

**141**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

ספר

# תוכחת מוסר

יכלול

## הלכות דעות, והלכות תשובה

ממורנו ורבנו, ראש תפארת חכמי ישראל, איש אלהים, רבינו משה ב"ר מיימון זצ"ל, והעתקתי אותו על ע"ט לזכות את הרבים.

יהודה ליב ב"ר יוסף יאסעלאוויץ.

דיזין הייליגין ספר, האב איך מעתיק געוועזין אויף עברי דייטש כדי אלע זאלין אים פאר שטיין, פון גרוים ביז קליין, אונ ווער עס וועט לייענען די הקדמה וועט פאר שטיין דיא גרויסע נוצין פון דיזין ספר.

ווילנא

בדפוס ר' יהודה ליב בן המחוקק מו"ה אליעזר ליפמאן מ"ץ נ"י

שנת תרל"ו לפ"ק

# הקדמה קטנה

איין קליינע הקדמה מיינע ליבע ברידער וועל איך אייך מקדים זיין דאס ערשטע דיא אורזאכע וואש מיר האט גינייטיגט מעתיק צו זיין דיזין ספר הקדוש אויף עברי טייטש אונ דאס צווייטע די גרוישע נוצין אונ תועלת וואש פון דיזין ספר קומט ארויש דיא אורזאכע איז דער פון אזו וייל איך האב גיזעהן דאס עש קומט ארויש אלע טאג זייער פיל ספרים למאות ולאלפים אונ יעדערער מאכט אויף אנאנדער זאך היינו איינער מאכט אויף דרוש · איינער אויף קבלה · איינער אויף תכונה · איינער אויף פילפול · איינער אויף דינים איינער אויף פלסופיא איינער אויף שאלות ותשובות אונ דיא אלע ספרים נוצין נור פאר יחידי סגולה פאר גרוישע לומדים וואש דאס זיינען יעצט בעה״ר זייער ווייניג פאר האנדין אין אונזער דור דען מיר זעהען דאך אז וואש פאר אדור ווייטער ווערט אלעש דיא תורה נתמעט אונ בפרט ווי אונזערע יעצטיגע צייטין איז דאך ווי דער קינד לערינט זיך אויש אין חדר עטוואש אידעשקייט אזוא זארגט שוין יעדער פאטער פאר זיין קינד אתכלית דען קאנען שוין גאנץ ווייניג זיין לומדים באיי היינטיגע יארין אונ פר דלת עמינו וואש זייא זיינען יעצט דאס רוב נוצט גאר ניט דיא אלע ספרים וואש קומען צו · דען זיי פר שטייען נעבאך גאר ניט וואש דעריין טוט זיך · אונ זיי זאגין וויא די גמרא זאגט מאי אהנו לן רבנן וואס טוען דיא רבנן אונז אהנאה מיט זייער לערנען וואס האבין מיר פר אנוצין פון זייערע חבורים זייא מאכין דיא ספרים פאר זיך אליין אבער מיר פאר שטייען גאר דערין ניט איך האב אליין מיט מיינע אויערין גיהערט וויא אמחבר האט בייא אונז אן גיבעטין איינעם אז ער זאל קויפין זיין ספר אונ אין ספר איז גיוועזין דרוש מיט פלפול האט אים דער מענטש גיבעטין ליבער רבי פלייכט איז מיגלאך דאס איר זאלט מיר

דעם

דעם ספר אויף עברי דייטש איבער דרוקין · דען וואלט איך קענען פאר שטיין וואס דערין טוט זיך · מעכט אים גערין קויפין דען יעצט פאר שטייא איך ניט וואס עס שטייט דערין · אונ באמת איז טאקע זייער ווייניג פאר האנדין ספרים אויף עברי טייטש · דען דעם מנורת המאור אונ חובת הלבבות זיינען שוין כמעט אלע באקאנט דערין אונ יעדערין ווילט זיך דאך אלעם וואס נאייעס זעהען ע"כ האב איך זיך גינומען דיא מוה אונ איך האב מעתיק גיוועזין דעם הייליגין ספר מוסר השכל פון מורנו ורבנו הרמב"ם ז"ל · וואס גראדע אין דיזין ספר געפינט זיך זייער פיל מוסר גאנץ קלוגע אונ דינים אונ הנהגות וויא יעדער מענטש זאל זיך אויף פירען אויף דער וועלט · הן מיט גאט · אונ הן מיט מענטשין · דאס ער זאל קומען צוא עולם הבא אונ ווייזט אונז אויף אריכטיגין דרך אין עבודת הבורא · אונ פאר ענטפערט אלע הארבע שאלות וואס דער יצר הרע וויל אפ פרעגין דעם מענטשין דאס ער זאל אים קענען אריין נעמען אין זיין נעץ · הכלל דיזער קליינער ספר איז אזא גרויסער לאדען אז וואס פיר אסחורה מען וויל קאן מען אלעם באקומען דערין · אונ וויל מיר ווייסין פון זיינע בעשרייבונג וויא ער האט גיזארגט פאר טובת כלל ישראל מעהר וויא אלע אונזערע רבנים · דיא אלע בריף וואס ער האט געשריבין אין תימן אונ ער האט זיך מכנים גיוועזין אין גרויסע סכנות · אונ ער איז אליין גיפארין זייא טרייסטין אונ מדריך זיין בדרך הישר · אונ ער האט זיך משתתף גיוועזין אין זייער צער · אונ ער האט אלע אידין אן געוויזין אריכטיגן דרך אין עבודת הבורא · אונ מיר ווייסין דאך אז דאס רוב ספרים זיינע האט ער אלעם גימאכט אויף ערבי לשון · ווייל דיזער שפראך האבין זייא דאמאלס גירעט אלע · אונ ער האט נור גיוואלט דאס זאל זיין זיינע ספרים איין ריכטיגער תועלת פאר דיא וועלט · אונ נאכהער האבין זיך איין גיפונגן זיינע תלמידים אונ האבין איבער גיזעצט זיינע ספרים אין לשון הקודש · אונ מיר גיפינען אין סוף בחנות עולם · שרייבט דער בחינת עולם אז פון משה רבנו ביז רבנו הרמב"ם איז ניט גיוועזין אין זיין גלייכין נאך איינער צוא אים · אונ אים לייבין קאן מען גאר ניט · ע"כ האב איך גיפונען פאר נייטיגט דיזין ספר אויף

עברי

עִבְרֵי דַייטְשׁ אִיבֶּער צוּא זֶעצִין · כְּדֵי אַלֶע הֲמוֹן עַם זָאלִין דָאס וֶענֶען לֵייעֶנֶען אוּנ וִוישִׁין וִויא גָאט צוּ דִינֶען מִיט אֲאֱמֶתִין גַאנְג אוּנ אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער דָאס אִיר זָאלְט זִיךְ קֵיינֶער נִיט שֶׁעמֶען צוּא לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר וַוייל עֶר אוֹיף עִבְרִי דַייטְשׁ אִיז · דֶען בעה"ר אִיז דָאךְ שׁוֹין יֶעצְט אַזוֹ אַיין גֶעפִירְט דָאס מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּא לֵייעֶנֶען אוֹיף עִבְרִי דַייטְשׁ אַסֵפֶר · וַוייל מֶען וֶועט זָאגִין אַז עֶר קָאן נִיט לֶערְנֶען אוּנ וָואס פַאר דִיא נְשָׁמָה אִיז גוּט דָאס זֶעט מֶען נִיט · דֶען אִיךְ הָאבּ אַייךְ גָאט צוּ דַאנְקֶען פַר שְׁרִיבֶּענֶע מֶעהֶערֶע חִדּוּשִׁים אִין דְרוּשׁ אוּנ אִין פְּשַׁט הַכְּתוּבִים · אוּנ אִיךְ לָאז זֵייא נִיט דְרוּקִין אוּנ אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִיט אִיבֶּער צוּא זֶעצִין אוֹיף עִבְרִי דַייטְשׁ אוּנ אוֹיךְ אַלֵיין צוּא לֵייעֶנֶען · נָאר זָאל אַרוֹיס קוּמֶען דֶער פוּן אַהִילְף אִין עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא · אוּנ דֶער זְכוּת פוּן מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ הרמב"ם ז"ל זָאל בַּייא שְׁטֵיין פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל אוּנ פַאר מִיר אוּנ פַר מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה דָאס זָאל נִיט וֶוערִין אָפּ גִיטָאן דִיא תּוֹרָה פוּן אוּנְז אוּנ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער :

ממני יהודה ליב כ״ר יוסף יאסעלאוויץ

יליד זאגער בעת מוכר ספרים בריגא ·

אני אוסר על כל איש להדפיס ספר זה תוכחת מוסר על ע״ט הן במדינתנו הן חו״ל , וכל העובר ע״ז אתבעני לדין ·

והמעתיק והמוציא לאור ·

# הלכות דעות

יש בכללן י"א מצות חמש מ"ע ושש מל"ת וזהו פרטן · א) להדמות בדרכיו · ב) להדבק ביודעיו · ג) לאהוב ריעים · ד) לאהוב גרים · ה) שלא לשנוא אחים · ו) להוכיח · ז) שלא להלבין פנים · ח) שלא לענות אומללים · ט) שלא להלוך רכיל · י) שלא לנקום · יא) שלא לנטור : וביאור מצות אלו בפרקים אלו :

## פרק ראשון

**דעות** הרבה יש לכל אחד ואחד מבני אדם וזו משונה מזו והרחוקה ממנה ביותר יש אדם שהוא בעל חמה כועס תמיד ויש אדם שדעתו מיושבת עליו ואינו כועס כלל ואם יכעוס

כועס

אִין הִלְכוֹת דֵעוֹת אִיז דָא אִין אַלֶעמֶען יא מִצְוֹת · פִינְף מִצְוֹת עֲשֵׂה אוּנ זֶעקְס מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה אוּנ דָאס זַיינֶען זֵייא א דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל זִיךְ צוּא גְלַייכִין צוּא גָאט אִין זַיינֶע וֶועגִין · ב דִיא צְווֵייטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל זִיךְ בַּאהֶעפְטִין צוּא לוֹמְדֵי תוֹרָה · ג דִיא דְרִיטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל הָאלְט הָאבִין אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע · ד דִי פֶערְטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל הָאלְט הָאבִין גֵרִים · ה דִיא פִינְפְטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל זָאגִין מוּסָר וֶוער נִיט פְרוּם אִיז · ו דִיא זֶעקְסְטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל זִיךְ אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע נִיט פַיינְט הָאבִין · ז דִי זִיבֶּעטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל נִיט מְבַיֵישׁ זַיין דֶעם אַנְדֶערִין · ח דִיא אַכְטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל נִיט פַּיינִיגִין אַיין עֶלִינְטִין · ט דִיא נַיינְטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל נִיט רְכִילוּת טְרַייבִּין · י דִי צֶעהְנְטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל קֵיין נְקָמָה נִיט נֶעמֶען פוּן זַיין חַבֵר · יא דִיא עֶלְפְטֶע מִצְוָה אִיז מֶען זָאל קֵיין שִׂנְאָה נִיט נָאךְ טְרָאגִין אוֹיף דֶעם חַבֵר אוּנ דָאס אִיז דִי בַּאשֵׁיידוּנְג פוּן דִיא אַלֶע מִצְוֹת אִין דִיא פְּרָקִים :

פרק א **דעות** הרבה פִיל דֵעוֹת אִיז דָא בַּייא יֶעדֶער מֶענְטְשִׁין וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנאַנְדֶער נַאטוּר · אוּנ עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט אַיין נַאטוּר פוּן דִיא אַנְדֶערֶע · עֶס גִיט אַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער כַּעֲסָן עֶר אִיז אַלְץ אִין כַּעַס · אוּנ אַנאַנְדֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָא וָואס עֶר אִיז אַבֶּעזֶעצְטֶער גַייסְט · אוּנ עֶר אִיז קֵיין מָאל נִיט

אין

כועס מעט בכמה שנים ויש אדם שהוא גבה לב ביותר ויש שהוא שפל רוח ביותר ויש שהוא בעל תאוה לא תשבע נפשו מהלוך בתאוה ויש שהוא טהור לב מאוד לא יתאוה אפילו לדברים מעטים שהגוף צריך להן ויש בעל נפש רחבה שלא תשבע נפשו מכל ממון שבעולם כענין שנאמר (קהלת ה) אוהב כסף לא ישבע כסף ויש מקצר נפשו שדיו אפי' דבר מועט שלא יספיק לו ולא ירדוף להשיג כל צרכו ויש שהוא מסגף עצמו ברעב וקובץ על יד ואינו אוכל אפי' פרוטה משלו אלא בצער גדול ויש שהוא מאבד כל ממונו בידו לדעתו ועל דרכים אלו שאר כל הדעות כגון מהולל ואונן וכילי
ושוע

אין כעס · אונ גאנץ זעלטין איז ער אין כעס עטוואס נור · אונ עס איז פאראן אמענטש וואס ער האלט זיך זייער בעל גאוה · אונ עס גיט מענטשין וואס זייא זיינען זייער גרויסע ענוים אונ זייא האלטין זיך גאר ניט גרויס · אונ עס איז דא מענטשין וואס זיינען גרויסע בעל תאוה אונ זייא גילוסטין צו יעדער זאך אונ זייא זעטיגין זיך קיין מאל ניט פון אלער האנד פערגעניגין · אונ עס גיט מענטשין וואס האבין ארייניע הארץ אונ זייא גילוסטין צו קיין זאך ניט אין דר וועלט אפילו וואס דער גוף האט נייטיג זייער צו זיינער גיברויך גילוסט ער אויך ניט · אונ עס איז דא מענטשין וואס האבין זייער גרויסע אויגין אונ זייא ווערין קיין מאל ניט זאט מיט קיין געלט זייא קאנען האבין ווער ווייס וויא פיל געלט איז זייא אלין ווייניג · אזוא וויא אין קהלת שטייט דער וואס האט האלט געלט דער ווערט קיין מאל ניט זאט מיט געלט · אונ עס איז פאר האנדין מענטשין וואס זייא באנוגענען זיך מיט גאנץ ווייניג זייא גילוסטין צו קיין זאך אויף דער וועלט ניט · נור וויא פיל זייא האבין איז זיי אלין גאנץ גינוג · אונ עס גיט מענטשין וואס פייניגין זיך אין הונגער אונ זייא פערגינען זיך ניט איין שטיקיל טרוקענע ברויט צו עסין איין מאל אטאג אונ קלייבין צו זאמען גראסין צוא גראסין ביז זייא ווערין רייך · אונ עס גיט מענטשין וואס פאר שווענדערט זיין געלט גאנץ גיך · אונ נאך דאס גלייכין גיט פערשיידענע גידאנקען ביי יעדערין מענטשין · דהיינו איינער איז אפרייליכער מענטש אונ איינער איז אפאר אומערטע
מענטש

ושוע ואכזרי ורחמן ורך לבב ואמיץ לב וכיוצא בהן : ב) ויש בין כל דעה ודעה הרחוקה ממנה בקצה האחר דעה בינונית זו רחוקה מזו וכל הדעות יש מהן דעות שהן לאדם מתחלת ברייתו לפי טבע גופו ויש מהן דעות שטבעו של אדם זה מוכן ועתיד לקבל אותם במהרה יותר משאר הדעות ויש מהן שאינן לאדם מתחלת ברייתו אלא למד אותם מאחרים או שנפנה להן מעצמו לפי מחשבה שעלתה בלבו או ששמע שזו הדעה טובה לו וכה ראוי לילך והנהיג עצמו בה עד שנקבעה בלבו : ג) שתי קצוות הרחוקות זו מזו שבכל דעה ודעה אינם דרך טובה ואין ראוי לו לאדם ללכת בהן ולא ללמדם לעצמו ואם מצא טבעו נוטה לאחת מהן או מוכן לנטות

לאחת

מֶענְטְשׁ אֵיינֶער אִיז גַאנְץ קַארְג אוּנ אֵיינֶער אִיז לַייכְט זִינִיג · אֵיינֶער אִיז אַיין אַכְזָר אוּנ אֵיינֶער אִיז אַיין דֶער בַּארֶעמִיגֶער · אֵיינֶער הָאט אַשְׁטַארְקֶע הַארְץ אוּנ אֵיינֶער הָאט גָאר אַוֵוייכֶע הַארְץ אוּנ נָאךְ מֶער אַזֶעלְכֶע גְלַייכִינֶעס : ב) אוּנ דֶען אִיז פֶערַאנֶען צְווֵא וַוייטִין דִיא צְוֵוייא עֶרְלַייא נַאטוּרֶעס אַיין מִיטֶעלֶע נַאטוּר דָאס הֵייסְט עֶר אִיז אַיין מִיטֶעלֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אִין מִיטֶעלֶען וֶועג אוּנ דִיא אַלֶע נַאטוּרִין אִיז דָא אַנְדֶערֶע וָואס זַיינֶען אַזוֹא גִיבָּארִין גִיוָוארִין אוּנ עֶס אִיז דָא מֶענְטְשִׁין וָואס זַיינֶען נִיט אַזוֹא גִיבָּארִין נוּר זֵייעֶר גַיישְׁטְלִיכְקַייט אִיז זֵייעֶר לַייכְט צוּ אַנְטְפַאנְגֶען דִיזֶען נַאטוּר · אוּנ אַנְדֶערֶע אִיז דָא׳ וָואס זַיי הָאבִּין זִיךְ דִיזֶען נַאטוּר אָפּ גִילֶערִינְט פוּן אַנַאנְדֶערִין אָדֶער מֶען הָאט אִים גִיזָאגְט אַז אַזוֹא מִיט דֶעם נַאטוּר אִיז זִיךְ גוּט צוּ פִירִין הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹא אַיין גִיפִירְט בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין גִיבְּלִיבִּין בַּיי אִים פַאר אַגִיבָּארֶענֶער נַאטוּר · אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט אַזוֹא אַיין גִיווֹאוּנְט צוּ פִירִין בִּיז עֶס אִיז גִיבְּלִיבִּין בַּייא אִים פַאר אַנַאטוּר : ג) דִיא בֵּיידֶע ווַייטֶע מִדוֹת וָואס זַיינֶען וַוייט אֵיינֶער פוּן דִיא אַנְדֶערֶע אַז מֶען זָאל אָן נֶעמֶען פוּן יֶעדֶער מִדָה דִיא לֶעצְטֶע בְּרֶעג דְהַיְינוּ מֶען זָאל זַיין עֶנְטְפֶער גָאר אַגְרוֹיסֶער קַארְגֶער אָדֶער גָאר אַגְרוֹיסֶער פַּזְרָן אִיז זֵייעֶר נִיט גוּט · אוּנ אַמֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ זֶעהֶן נִיט אַיין צוּא גִיוואוֹנֶען אִין זֵייא אוּנ זִיךְ נִיט אָפּ לֶערְנֶען פוּן אַנַאנְדֶערִין אַזֶעלְכֶע מִדוֹת אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז שׁוֹין גִיבָּארִין מִיט אַזא מִדָה אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַיין גִיווֹאוּנְט מִיט

אזא

לאחת מהן או שכבר למד אחת מהן ונוהג בה יחזיר עצמו למוטב
וילך בדרך הטובים והיא הדרך הישרה: ד) הדרך הישרה היא
מדה בינונית שבכל דעה ודעה מכל הדעות שיש לו לאדם והיא
הדעה שהיא רחוקה משני הקצוות ריחוק שוה שאינה קרובה לא
לזו ולא לזו · לפיכך צוו חכמים הראשונים שיהא אדם שם דעותיו
תמיד ומשער אותם ומכוין בדרך האמצעית כדי שיהא שלם בגופו
כיצד לא יהא בעל חמה נוח לכעוס ולא כמת שאינו מרגיש אלא
בינוני · לא יכעוס אלא על דבר גדול שראוי לכעוס עליו כדי שלא
יעשה כיוצא בו פעם אחרת · וכן לא יתאוה אלא לדברים שהגוף
צריך להן ואי אפשר לחיות בזולתן כענין שנאמר (משלי טו) צדיק
אוכל לשובע נפשו · וכן לא יהיה עמל בעסקו אלא להשיג דבר
שצריך לו לחיי זמן כענין שנאמר (תהלים לז) טוב מעט לצדיק · ולא
יקפוץ

אזא מרה זאל ער זיך זעהן מיט כל המיגליכקייט אפ צוא גיוואוינען
דער פון אונ ער זאל גיין אין אמיטעלע וועג דען דאס איז די בעסטע
וועג : ה) דיא מיטעלע אונ דיא גראדע וועג וואס יעדער מענטש זאל
זיך זעהן צו פירין זאל זיין אין רעכטין מיטיל פונקט פון די ביידע
פאר קערטע מדות עס זאל ניט זיין ניט נעהענטער אונ ניט ווייטער
פון איין ברעג ביז דעם אנדערין ברעג · נור ער זאל גיין אין רעכטין
מיטין · דערום האבין אונזערע חכמים גיזאגט אז תמיד זאל אמענטש
זעהן אז זיינע מדות זאל ער משער זיין אונ אפ מערקירין אז זייא
זאלין זיין אין מיטעלין וועג כדי ער זאל זיין גיזונד אונ גאנץ אין זיין
גוף דהיינו ער זאל ניט זיין אצוא גרויסער כעסן אונ ניט אצו גרויסער
גלייך גילטיגער וואס קומערט אים קיין זאך ניט נור איין מיטעלער
מענטש · אמאל מוז דער מענטש עטוואס כעס בעווייזין אז מען זאל
אים ניט טאן נאך אמאל אזוא · אונ דאס גלייכין זאל דער מענטש
ניט גילוסטין נור וואס ער האט דאס זייער נייטיג צו זיין לעבינס
מיטל וואס אן דעם קען ער ניט אויס קומען וויא שלמה המלך ע"ה
זאגט אונז דער צדיק עסט נור זאט צוא מאכין זיין נפש אבער ניט
מער אונ דאס גלייכין זאל דער מענטש ניט צוא פיל האוועען נור צו
זעהן צו האבין וואס נייטיגס איז צוא דער צייט אבער ניט מער ווי עס
שמייט

יקפוץ ידו ביותר ולא יפזר כל ממונו אלא נותן צדקה כפי מסת ידו ומלוה כראוי למי שצריך ולא יהא מהולל ושוחק ולא עצב ואונן אלא שמח כל ימיו בנחת בסבר פנים יפות · וכן שאר דעותיו ודרך זו היא דרך החכמים · כל אדם שדעותיו דעות בינוניות ממוצעות נקרא חכם : ה) ומי שהוא מדקדק על עצמו ביותר ויתרחק מדעה בינונית מעט לצד זה או לצד זה נקרא חסיד · כיצד מי שיתרחק מגובה הלב עד קצה האחרון ויהיה שפל רוח ביותר נקרא חסיד וזו היא מדת חסידות ואם יתרחק עד האמצע בלבד ויהיה עניו נקרא חכם וזו היא מדת החכמה ועל דרך זו שאר כל הדעות · וחסידים הראשונים היו מטין דעות שלהן מדרך האמצעית כנגד שתי הקצוות יש דעה שמטין אותה כנגד הקצה האחרון ויש דעה שמטין אותה

כנגד

שטייט אין תהלים פיר אצדיק איז גינוג גאנץ ווייניג · אונ מען זאל ניט זיין איין צוא גרויסער קמצן אונ ניט קיין צו גרויסער פזרן ער זאל צו טיילין זיין גאר דיא געלט אויף איין מאל נור ער מוז געבין צדקה נאך זיין פאר מעגין נאך אונ זעהן צוא אנטלייען יענעם ווער עס האט נייטיג נאך זיין פערמעגין נאך · אונ ער זאל ניט זיין אצוא פרייליכער אונ ניט אצוא אומעטיגער אונ אפאר טרויערטער · נור ער מוז זיך פרייען כל ימיו גאנץ לאנגזאם מיט איין פריילכעם געזיכט · אונ אזוא דאס גלייכין אלע מדות מוז ער זעהן דס זאל אין רעכטין מיטיל פונקט זיין אונ דאס איז דיא ריכטיגע וועג פון דיא חכמים דען דער וואס גייט אין אזא וועג אונ פירט זיך אלע מדות זיינע אין רעכטין מיטיל פונקט ווערט אן גירופין איין חכם : ה) אונ דער מענטש וואס ער איז זיך מדקדק צו פיל אויף זיך · אונ דער ווייטערט זיך פון דיא מיטעלע מדה ביז צום ענדע דהיינו ער איז זייער איין גרויסער עניו אונ ביי אים איז קיין ברעקעלע גאוה ניט דא ווערט דער מענטש אן גירופין חסיד אבער דער מענטש וואס ער דער ווייטערט זיך נור ביז אין דעם רעכטין מיטין ווערט ער אן גירופין חכם · דען אזוא דארף זיך פירין אקלוגער מענטש אויף דער וועלט · אונ אונזערע פאר צייטיגע חסידים פלעגין זיך פירין לפנים משורת הדין דאס הייסט מער ווי דער דין איז דען זייא פלעגין אמאל איין מדה אן ווענדין ביז צום אנפאנג · אונ אמאל פלעגין זייא דיא אנדערע מדה

אן

כנגד קצה הראשון וזהו לפנים משורת הדין ומצווין אנו ללכת בדרכים האלו הבינוניים והם הדרכים הטובים והישרים שנאמר (דברים כח) והלכת בדרכיו : ו) כך למדו בפי' מצוה זו מה הוא נקרא חנון אף אתה הי' חנון מה הוא נקרא רחום אף אתה היה רחום מה הוא נקרא קדוש אף אתה הי' קדוש · ועל דרך זו קראו הנביאים לאל בכל אותן הכנויין ארך אפים ורב חסד צדיק וישר תמים גבור וחזק וכיוצא בהן להודיע שאלו דרכים טובים וישרים הם · וחייב אדם להנהיג עצמו בהן ולהדמות אליו כפי כחו : ז) וכיצד ירגיל אדם עצמו בדעות אלו עד שיקבעו בו יעשה וישנה וישלש במעשים שעושה על פי הדעות האמצעיות ויחזור בהם תמיד עד שיהיו מעשיהם קלים עליו ויקבעו הדעות בנפשו ולפי שהשמות האלו נקרא בהן היוצר והן הדרך הבינונית שאנו חייבים ללכת בה

נקראת

אֶן וֶוערְרִין בִּיז צום עֶנְדֶע אָבֶּער מִיר דַארְפִין זִיךְ פִּירִין נור אִין דִי מִיטֶעלֶע וֶועג אונ אִין גוּטִין וֶועג אונ זַיין גוט אונ רֶעכְט פַארְטִיג ווִי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט דוּא זָאלְסְט גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגִין : ו) אַזוֹא הָאבִּין אוּנְז אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים גִילֶערִינְט אִין דֶעם פְּשַׁט פוּן דִיא מִצְוָה אַזוֹא ווִיא גָאט ב"ה אִיז אַלַייט זֶעלִיגֶער אַזוֹא זָאלְסְטוּ זַיין אַלַייט זֶעלִיגֶער · אונ אַזוֹא ווִיא גָאט ב"ה וֶוערְט אָן גִירוּפִין אַדֶער בַּארְעמִיגֶער אַזוֹ זָאלְסְטוּ אויךְ זַיין אַדֶער בַּארֶעמִיגֶער אַזוֹא ווִיא גָאט ב"ה וֶוערְט אָן גִירוּפִין אַהֵיילִיגֶער אַזוֹא זָאלְסְטוּ אויךְ זַיין הֵיילִיג · אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין אוּנְזֶערֶע נְבִיאִים אָן גִירוּפִין צוּא גָאט מִיט דִיא אַלֶע נֶעמֶען עֶר דֶער לֵיינְגֶערְט זַיין כַּעַס · אונ עֶר טוּט פִיל גִינָאד · עֶר אִיז אַצַדִיק אונ אַרֶעכְט פַארְטִיגֶער · אונ אַתָּמִים · אונ אַגִבּוֹר · אונ אַשְׁטַארְקֶער · צוּ מַאכִין ווִיסִין אוּנְז אַז דִיא אַלֶע מִדוֹת אִיז אַלֶע גוּטֶע אונ רֶעכְט פַארְטִיגֶע · אונ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ פִירִין אִין אַזֶעלְכֶע מִדוֹת אונ זִיךְ צוּא צוּ גְלַייכִין צוּא גָאט אִין דִיא אַלֶע מִדוֹת ווִיא וַוייט מִיגְלַאךְ אִיז : ז) אונ ווִיא אַזוֹא זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַיין גִיוואוֹנֶען אִין דִיא אַלֶע מִדוֹת עֶר זָאל טָאן אַיין מָאל אונ צְוַוייא אונ אַזוֹא מֶער בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹא אַיין גִיוואוֹנֶען אונ דֶען וֶועט שׁוֹין זַיין אִים לַייכְט צוּ גֵיין אִין דִיא גוּטֶע וֶועג דֶען עֶס וֶועט שׁוֹין וֶוערִין בַּייא אִים ווִיא מִיט גִיבָּארִין · אונ דָאס אִיז דִיא בֶּעסְטֶע וֶועג וָואס מִיר דַארְפִין גֵיין אִין אִיר

דאס

נקראת דרך זו דרך ה' והיא שלמדה אברהם אבינו לבניו שנאמר (בראשית יח) כי ידעתיו למען אשר יצוה וגו' והחולך בדרך זו מביא טובה וברכה לעצמו שנאמר (שם) למען הביא ה' על אברהם את אשר דבר עליו :

# פרק שני

חולי הגוף טועמים המר מתוק והמתוק מר ויש מן החולים מי שמתאוה ותאב למאכלים שאינן ראוים לאכול כגון העפר והפחם ושונא המאכלות הטובים כגון הפת והבשר הכל לפי רוב החולי כך בנ"א שנפשותיהם חולות מתאוים ואוהבים הדעות הרעות ושונאים הדרך הטובה ומתעצלים ללכת בה והיא כבדה עליהם למאד לפי חליים וכן ישעיהו אומר באנשים הללו (ישעיה ה) הוי האומרים לרע טוב ולטוב רע שמים חושך לאור ואור לחשך ·

שמים

דאס הייסט אין גאטס וועג · אין דיא וועלביגע וועג האט אברהם אבינו גילערינט אויך זיינע קינדער אזוא וויא אין פסוק שטייט · דען איך האב אים זייער ליב וויל ער פאר זאגט זיינע קינדער זייא זאלין גיין אין גאטס וועג אונ דער מענטש וואס גייט אין ריכטיגין גאטס וועג ברייננט אויף זיך גוטס אונ ברכות אזוא וויא עס שטייט אין פסוק דערום וועל איך ברייננען אויף אברהם אלעס גוטס וואס איך האב אים צו גיזאגט :

פרק ב דיא קראנקייט פון אמענטשין איז דר נאטור אז אלע ביטערע זאכין דוכט זיך דעם קראנקין אז דאס איז זיס · אונ אלע זיסע זאכין דוכט זיך אים אז דאס איז זייער ביטער · אונ דען גיט עס אנדערע קראנקע וואס גילוסטין צוא זייער שלעכטע זאכין וואס קיין מענטש קען דאס גאר ניט עסין דהיינו ערד אדער קיילין אונ זייא האבין פיינט גוטע שפייז דהיינו ברויט אדער פלייש אין אלץ וואס דער מענטש איז אלץ מער קראנק איז אלץ פאר קערט זיין נאטור · אזוא דאס גלייכין איז דיא מענטשין וואס זייער נשמה איז פאר דארבין גילוסטין אלעם צוא שלעכטע מעשים אונ האבין פיינט דיא גוטע מעשים אונ פוילין זיך צו גיין אין גוטין וועג אונ עס קומט זייא אוים זייער שווער צו גיין אין איר · אונ נאך זייער קראנקהייט נאך אזוא איז אלץ זיי שווערער

שמים מר למתוק ומתוק למר · ועליהם נאמר (משלי ב) העוזבים ארחות יושר ללכת בדרכי חושך · ומה היא תקנת חולי הנפשות ילכו אצל החכמים שהם רופאי הנפשות וירפאו חליים בדעות שמלמדים אותם עד שיחזירום לדרך הטובה והמכירים בדעות הרעות שלהם ואינם הולכים אצל החכמים לרפאות אותם עליהם אמר שלמה (משלי א׳) חכמה ומוסר אוילים בזו :·ב) וכיצד הוא רפואתם מי שהוא בעל חמה אומרים לו להנהיג עצמו שאם הוכה וקולל לא ירגיש כלל וילך בדרך זו זמן מרובה עד שתעקר החמה מלבו · ואם היה גבה לב ינהיג עצמו בשפלות וישב למטה מן הכל וילבש

בלויי

צוא גיין בדרך הישר · אזוא זאגט אונז ישעיה הנביא אויף די מענטשין הוי וויא גישרייען אויף דיא וואס זאגין אויף גוט שלעכט אונ אויף שלעכט זאגין זייא אז עס איז גוט · זייא טוען דיא פינסטערנעס צוא ליכטיגקייט אונ דיא ליכטיגקייט טוען זייא צוא פינסטער · וואס ביטער איז מאכין זייא פיר זיס אונ וואס עס איז זיס זאגין זייא אז דאס איז ביטער · אונ אויף זייא זאגט שלמה המע"ה דיא וואס פאר לאזין דיא רעכט פארטיגע וועג צוא גיין אין דיא פינסטערע וועג אונ וואס איז דיא רפואה צוא אזעלכע קראנקע נשמות זאלין זייא גיין צו דאקטורים וואס היילין נשמות דאס הייסט דיא ת"ח אונ זייא וועלין זייא ווייזין אין לערנען אריכטיגע וועג ביז זייא וועלין זייא אוים היילין אונ דיא וואס ווייסין ביי זיך אז דארפין האבין אדאקטער אונ זיי האבין שלעכטע נידאנקען אונ גייען ניט פרעגין ביי דיא ת"ח זייא צו היילין · אויף זייא זאגט שלמה המע"ה קלוגהייט אונ שטראף רייד טוען דיא נארין פאר שעמען :·ב) אונ וואס איז זייער רפואה איז אזוא דער וואס איז אגרויסער כעסן זאל זיך דער ווייטערין פון כעם וויא ווייט מיגלאך איז אז ער זאל קיין ברעקעלע כעם ניט האבין · דאס אפילו מען וועט אים זידלען אדער שילטין זאל ער ביא זיך גאר ניט מאכין ווסענדיג אונ זאל ניט יענעם ענטפערין · אונ אזוא זאל ער זיך אזוא איין פירין אלאנגע צייט ביז עס וועט ארוים גירים[ין] ווערין פון זיין הארץ גאר [ד]יא מדה פון כעם · אונ דאס גלייכין אז ער איז אגרויסער בעל גא[וה ז]אל ער זיך זעהן איין צוא גיוואוינען צוא זיין גאר אגרויסער עניו א[ונ ז]אל זיך זעצין נידעריגער פאר

אלעמען

אלא שמח כך אמרו חכמים שחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה וצוו שלא יהא אדם פרוץ בשחוק ולא עצב ומתאבל אלא מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות וכן לא יהיה בעל נפש הרחבה נבהל להון ולא עצל ובטל ממלאכה אלא בעל עין טובה ממעט עסק ויעסוק בתורה ואותו המעט שהוא חלקו ישמח בו · ולא יהיה בעל קטטה ולא בעל קנאה ולא בעל תאוה ולא רודף אחר הכבוד · כך אמרו חכמים הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם · כללו ש״ד ילך במדה הבינונית שבכל דעה ודעה עד שיהיו כל דעותיו מכוונות באמצעות והוא ששלמה אמר (משלי ד׳) פלס מעגל רגלך וכל דרכיך יכונו :

שמא

א קארין געמיט אונ אריין הארץ פון בייז אונ שלעכטם : ז) אמענטש זאל ניט זיין פר טרויערט אונ קלעגליך אונ ניט פר ברייננען אין גילעכטער אונ גלייך ווערטלאך · נור מיט פרייד דען אונזערע חכמים האבין גיזאגט · גילעכטער אונ גלייך ווערטלאך דאס גיוואונט איין דעם מענטשין צוא דבר ערוה · אונ האבין פאר זאגט דער מענטש זאל ניט זיין איין גענייבט מיט גילעכטער אונ מיט טרויערקייט׳ער זאל אן פאנגען יעדער מענטש מיט אפריילליכין פנים · ער זאל ניט זיין קיין ברייטער מענטש צו גילוסטין רייכקייט · אונ ניט פויל פון צו ארבעטין · ער מוז האבין אגוטע אויג צוא באנוגענען זיך מיט ווייניגער · ער זאל קענען לערנען דאצו אונ צוא פרייען זיך מיט דיא ביסעלע · ער זאל ניט זיין קיין קריגער אונ אבעל קנאה · אונ ניט קיין בעל תאוה · אונ ניט נאך צוא יאגין זיך נאך כבוד · דען דיא חכמים האבין גיזאגט קנאה אונ צו געלוסטין · אונ עהרע דיא דרייא זאכין ציהט דעם מענטשין ארויס פון דער וועלט · דער כלל איז יעדער מענטש מוז זיך פירין מיטין מיטיל פונקט פון יעדר זאך · אז אלעם זאל שליסין צום פונקט דאס האט שלמה המלך עליו השלום גיזאגט וועג צום ערשטין דיינע שטעגין · דען ווערט ריכטיג זיין דיינע וועגין :

שמא יאמר אדם הואיל והקנאה והתאוה והכבוד וכי"ב דרך רעה הן ומוציאין את האדם מן העולם אפרוש מהן ביותר ואתרחק לצד האחרון עד שלא יאכל בשר ולא ישתה יין ולא ישא אשה ולא ישב בדירה נאה ולא ילבש מלבוש נאה אלא השק והצמר הקשה וכיוצא בהן גם זו דרך רע היא ואסור לילך בה׳ המהלך בדרך זו נקרא חוטא שהרי הוא אומר בנזיר (במדבר ו) וכפר עליו מאשר חטא על הנפש אמרו חכמים ומה אם נזיר שלא פירש אלא מן היין צריך כפרה המונע עצמו מכל דבר ודבר עאכ"ו לפיכך צוו חכמים שלא ימנע עצמו אלא מדברים שמנעתו התורה בלבד ולא יהא אוסר עצמו בנדרים ובשבועות על דברים המותרים כך אמרו חכמים לא דייך מה שאסרה תורה אלא שאתה אוסר עליך דברים אחרים ובכלל הזה אלו שמתענין

תמיד

פרק ג׳ טאמער וועט דר מענטש זאגין וויא באלד אז קנאה אונ תאוה אונ כבוד אונ דאס גלייכין שלעכטע וועגין ציהט ארויס דעם מענטשין פון דער וועלט • וועל איך מיר ערוויטערין פון זייא ביז דאס לעצט • איך וועל ניט עסין קיין פלייש • איך וועל ניט טרינקען קיין ויין איך וועל ניט נעמען קיין פרויא • איך וועל ניט וואוינען אין קיין היפשע דירה • איך וועל זיך ניט אן קליידין קיין היפשע קלייד • איך וועל ליבערשט גיין אין גאנץ גימיינע קליידער • ניין ! דאס איז אויך פון שלעכטע וועגין מען ברויך ניט צוא גיין אין די וועג • דר וואס פירט זיך אזוא ווערט ער גירופין אזינדיקער • ווארום דיא תורה זאגט אונז בא א נזיר • ער זאל בריינגען א קרבן מכפר צוא זיין וואס ער האט גיזינדיגט אויף זיין זייל האבין דיא חכמים געזאגט • מהדאך דער נזיר וואס ער האט זיך אב גישייט נור פון ויין מוז ער האבין א כפרה פשיטא דער וואס שייד זיך אב פון אלעם מוז האבין אכפרה דערום האבן אונז די חכמים פאר זאגט • דער מענטש טאר זיך מער ניט אב שיידין נור וואס דיא תורה האט אונז פאר באטין אמענטש טאר אויף זיך ניט אסערין מיט נדרים אדער שבועות אויף דיא זאכין וואס מען פרייא האט צוא עסין אדער צוא טאן דען דיא חכמים האבין גיזאגט • קלעגט דען ניט וואס דיא תורה האט אויף דיר געאסערט • אז דוא מערסט נאך אויף זיך אנדערע

אסורים

תמיד אינן בדרך טובה ואסרו חכמים שיהא אדם מסגף עצמו בתענית ועל כל הדברים האלו וכיו"ב צוה שלמה ואמר (קהלת ז) אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר למה תשומם: ב) צריך האדם שיכוין לבו וכל מעשיו כולם לידע את השם ב"ה בלבד ויהיה שבתו וקומו ודבורו הכל לעומת זה הדבר · כיצד כשישא ויתן או יעשה מלאכה ליטול שכר לא יהיה בלבו לקבוץ ממון בלבד אלא יעשה דברים האלו כדי שימצא דברים שהגוף צריך להם מאכילה ושתיה וישיבת בית ונשיאת אשה · וכן כשיאכל וישתה לא ישים בלבו לעשות דברים הללו כדי ליהנות בלבד עד שנמצא שאינו אוכל ושותה אלא המתוק לחיך אלא ישים על לבו שיאכל וישתה כדי להברות גופו ואבריו בלבד לפיכך לא יאכל כל שהחיך מתאוה ככלב וחמור אלא יאכל דברים המועילים לגוף אם מרים אם מתוקים ולא יאכל דברים הרעים לגוף אע"פ שהם מתוקים לחיך · כיצד

מי

אסורים אין דערינען איז כולל דיא מענטשין וואס פאסטין תמיד דאס איז אויך ניט רעכט ווארום דיא חכמים האבין אונז פאר זאגט אז דער מענטש טאר זיך ניט פייניגין מיט תעניתים · אונ אויף די זאבען · אונ וואס דעם גלייכין האט שלמה המלך פאר זאגט אין קהלת דוא זאלסט ניט זיין צוא פרום וכו׳ · ווארום זאלסט דוא זיך פאר דארבין : ב) דער מענטש מוז באטראכטין דאס זיין הארץ אונ אלע זיינע מעשים זאל זיין נור צוא באקענען זיך צוא גאט אליין · הן וואס ער זיצט אדער ער גייט אונ ער רעט נור פון גאטס וועגין דהיינו ווען ער האנדילט אדער אז ער טוט א מלאכה צוא פאר דינן · זאל ער ניט מיינען נור פון וועגין דיא געלט איין צוא זאמלען · נור ער מוז דיינקען ער ברויכט דאס דעם גוף אונטער צו שטיצין מיט עסין · אונ טרינקען · מיט א וואוינונג אונ אפרויא צוא נעמען · אונ אז ער עסט אדער ער טרינקט · זאל ער ניט דיינקען פון הנאה וועגין אליין דען וועט ער מער ניט עסין וואס איהם שמעקט זיסע זאכין · ניין ! ער מוז דיינקען אז ער עסט נור כדי ער זאל געזונט זיין דערום גיעט ער ניט עסין וואס איהם געלוסט ווי א כלב אדער א חמור ער וועט נור עסין וואס פאר זיין קערפער געזונט איז הן ביטער אדער זיסע אבער וואס פאר זיין קערפער שלעכט איז אפילו זיסע זאכין זאל ער אויך ניט עסין · דהיינו דער מענטש וואס האט היץ זאל

מי שהיה בשרו חם לא יאכל בשר ולא דבש ולא ישתה יין כענין שאמר שלמה דרך משל (משלי כה) אכל דבש וגו׳ ושותה מי העולשין אע״פ שהוא מר שנמצא שותה ואוכל דרך רפואה בלבד כדי שיבריא ויעמוד שלם הואיל וא״א לא״ם לחיות אלא באכילה ושתיה:
ג) המנהיג עצמו ע״פ הרפואה אם שם על לבו שיהיה כל גופו ואבריו שלמים בלבד ושיהי׳ לו בנים עושים מלאכתו ועמלים לצרכו אין זה דרך טובה אלא ישים על לבו שיהי׳ גופו שלם וחזק כדי שתהיה נפשו ישרה לדעת את ה׳ ב״ה׳ שא״א שיבין ויסתכל בחכמות והוא רעב וחולה או אחד מאבריו כואב וישים על לבו שיהיה לו בן אולי יהיה חכם וגדול במעלות ומדות טובות׃ נמצא המהלך בדרך זו כל ימיו עובד את ה׳ תמיד אפי׳ בשעה שנושא ונותן ואפי׳ בשעת הנאה גופניות מפני שמחשבתו בכל כדי שימצא צרכיו עד שיהי׳ גופו שלם לעבוד את ה׳ ׃ ואפילו בשעה שהוא

ישן

ניט עסין קיין פליים אונ ניט טרינקען קיין ויין אונ ניט עסין קיין האניק וויא שלמה המלך שרייבט צום בייא שפיל צוא עסין האניק צוא פיל וגו׳ טרינק עולשין וואסער ווען אויך צוא ביטער איז דען ווערט גיפונען אז ער עסט אונ טרינקט נור פון רפואה וועגין ׃ ער זאל גיזונט אונ גאנץ זיין ׃ ווארום אן דעם קען א מענטש ניט לעבין אן עסין אונ אן טרינקען ׃
ג) אויך ווען דער מענטש פירט זיך אלעס פון רפואה וועגין ׃ כדי ער זאל זיין געזונט אונ גאנץ אויף זיינע גלידער אונ כדי ער זאל האבין קינדער וואס זיי זאלן פאר אים זארגין צום לעבין ׃ פון דאס וועגען אליין איז דאס אויך נאך ניט דיא גוטע וועג ׃ וויא דען ער מוז דיינקען ער טוט דאס אלעס נור ער זאל האבין א קלארין זינען צו ווישין גאטעס דינסט ווארום אז דער מענטש איז הונגעריג אדער דארשטיג אדער קראנק אפילו ווען איינע פון זיינע גלידער טוט אים וויא קען ער אויך ניט פאר שטיין אונ באטראכטן גאטעס וועגין ׃ ער מוז דיינקען ער זאל האבין א זון ער זאל זיין א תלמיד חכם מיט גוטע מעלות דען ווען ער פירט זיך אזוא ׃ איז כל ימיו דינט ער דעם בורא ׃ אפילו ווען ער האנדילט אדער בשעת דער גוף האט הנאה פון דער זאך דערום ווייל זיינע גידאנקען איז ער דער פילט זיינע פיר לאנגען כדי ער זאל גיזונט זיין ווערט ער

קענען

ישן אם ישן כדי שתנוח דעתו עליו וינוח גופו כדי שלא יחלש ולא יוכל לעבוד את ה' והוא חולה · נמצאת שינה שלו עבודה למקום ב"ה · ועל ענין זה צוו חכמים ואמרו וכל מעשיך יהיו לש"ש והוא שאמר שלמה בחכמתו (משלי ג) בכל דרכיך דעהו והוא יישר ארחתיך :

# פרק ד

הואיל והיות הגוף בריא ושלם מדרכי ה' הוא שהרי א"א שיבין או שישכיל בדבר מידיעת הבורא והוא חולה לפיכך צריך אדם להרחיק עצמו מדברים המאבדין את הגוף ולהנהיג עצמו בדברים המחלימין והמברין את הגוף ואלו הן לעולם לא יאכל אדם אלא כשהוא רעב ולא ישתה אלא כשהוא צמא ואל ישהה נקביו אפילו רגע א' אלא כל זמן שהוא צריך להשתין או להסך את רגליו יעמוד מיד · לא יאכל אדם עד שתתמלא כריסו אלא

קֶענֶען דִינֶען הקב"ה מִיט אַ גַאנְצִין הַארְץ · אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁלָאפְט · אוּנ מֵיינְט עֶר שְׁלָאפְט נוּר אַז עֶר זָאל הָאבִין אַ קְלָארֶע קָאפּ זִיךְ צוּא בַּארוּהֶען גָאט ב"ה צוּא דִינֶען מִיט אַקְלָארִין זִינֶען · דֶען אִיז דִיא שְׁלָאף אוֹיךְ עֲבוֹדָה צוּא גָאט ב"ה · אוֹיף דִיא זַאכִין הָאבִּין אוּנְז דִיא חֲכָמִים פַּאר זָאגְט אַלֶע דַיינֶע וֶוערְקִין זָאל זַיין נוּר פוּן גָאטֶעס דִינְסְט וֶועגִין אוּנ דָאס הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ מִיט זַיין חָכְמָה אוֹיךְ גִיזָאגְט אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגִן זָאלְסְט דוּא קֶענֶען גָאט ב"ה אוּנ עֶר וֶועט דִיר פַאר גְלַייכִן דַיינֶע וֶועגִין :

פרק ד נוּא אַז דֶער הֲוָיַת פוּן גוּף אִיז אוֹיךְ גִירֶעכִינְט פוּן גָאטֶעס וֶועגִין · וָוארוּם מֶען קֶען נִיט פַר שְׁטֵיין דִיא וִוישֶׁענְשַׁאפְט פוּן גָאט ב"ה אַז מֶען אִיז קְרַאנְק דֶערוּם מוּז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אָפּ הִיטֶען פוּן דִיא זַאכִין וָואס זָאל שַׁאטֶען צוּם גוּף · אוּנ זִיךְ פִירֶען צוּ בַּאגֶעבִין זִיךְ מִיט דִיא זַאכִין וָואס עֶס שְׁטַארְקְט דֶעם גוּף אוּנ וָואס גֶעזוּנְט אִיז · דְהַיְינוּ עֶר זָאל נוּר עֶסִין אִין דִיא צַייט אַז עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג · אוּנ טְרִינְקֶען נוּר וֶוען עֶר דָארְשְׁטִיג אִיז · אוּנ זָאל זִיךְ נִיט אָפּ הַאלְטִין שְׁטוּל גַאנְג אוֹיךְ נִיט קַיין רֶגַע נוּר יֶעדֶער צַייט וֶוען עֶר דַארְף אוֹיף נְקָבִים גְדוֹלִים אָדֶער נְקָבִים קְטַנִים זָאל עֶר נִיט אָפּ הַאלְטִין · עֶר זָאל נִיט עֶסִין דִיא

בויך

אלא יפחות כמו רביע משביעתו ולא ישתה מים בתוך המזון אלא מעט ומזוג ביין וכשיתחיל המזון להתעכל במעיו שותה מה שהוא צריך לשתות ולא ירבה לשתות מים ואפי' כשיתעכל המאכל ולא יאכל עד שיבדוק עצמו יפה יפה שמא יהי' צריך לנקביו: ב) לא יאכל אדם עד שילך קודם אכילה עד שיתחיל גופו להום או יעשה מלאכה עד שיתייגע ואוכל · כללו של דבר יענה גופו וייגע בכל יום בבוקר עד שיתחיל גופו להום וישקוט מעט עד שתתיישב נפשו ואוכל ואם רחץ בחמים אחר שייגע ה"ז טוב ואחר כך שותה מעט ואוכל · ג) לעולם כשיאכל אדם ישב במקומו או יטה על שמאלו ולא יהלך ולא ירכב ולא ייגע ולא יזעזע גופו ולא יטייל עד שיתעכל המזון שבמעיו וכל המטייל אחר אכילתו או שייגע ה"ז מביא ע"ע חלאים רעים וקשים: ד) היום והלילה כ"ד שעות

בויך זָאל זַיין פול · נור בִּיז אַ פֶערְטִיל בִּיז זַיין זַאטְקַייט · עֶר זָאל נִיט טְרִינְקֶען פִיל וַואסֶער אִין מִיטֶען עֶסִין · אוּנ דֶען צוּא מִיסְט מִיט וַויין · אַז דֶער עֶסִין פַאנְגְט אָן צוּא פַאר דַאיֶיען דֶענְסְטְמָאל קֶען עֶר טְרִינְקֶען וָואס עֶר בְּרויך אוּנ דֶען נִיט פִיל וַואסֶער אֲפִילוּ וֶוען דֶער עֶסִין הָאט שׁוין פַאר דַאיֶיעט · עֶר זָאל נִיט גֵיין עֶסִין בִּיז עֶר גֵייט עֶרְשְׁטִין אויף שְׁטוּל גַאנְג עֶר זָאל נִיט בְּרוּיבֶען גֵיין אִין מִיטֶען עֶסִין: ב) אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִיט גֵיין עֶסִין בִּיז עֶרְשְׁטִין זָאל עֶר זִיךְ אוּם גֵיין בִּיז עֶר וֶוערְט גוּט דֶער וַוארֶעמְט · צְוַויֶיטֶענְס עֶר זָאל טָאן אַזוֹי אַיין אַרְבֶּעט זִיךְ צוּא בַּאמִיהֶען · דֶער כְּלַל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַלֶע מָארְגֶענְשׁ גוּט זִיךְ בַּאמִיהֶען אוּנ דֶעם גוּף צוּא פַּיינִיגֶען בִּיז עֶר זָאל דֶער וַוארֶעמְט וֶוערִין · אוּנ נַאכְהֶער צוּא בַּארוּהֶען זִיךְ פַארִין עֶסִין אוּנ אַז עֶר וַואסְט זִיךְ מִיט וַוארֶעמֶע וַואסֶער נָאךְ דֶעם וַויא עֶר הָאט זִיךְ בַּאמִיהְט אִיז גַאנְץ גוּט אוּנ נָאךְ דֶעם טְרִינְקְט עֶר אַ בִּיסֶעל אוּנ עֶסְט: ג) אֵייבִּיג אִין דֶער צַייט אַז עֶר עֶסְט זָאל עֶר זִיצֶען אויף אַיין אָרְט אָדֶער עֶר זָאל זִיךְ קֶערִין צוּא דֶער לִינְקֶער הַאנְט · אוּנ עֶר זָאל נִיט גֵיין אוּנ נִיט רַייטֶען אוּנ נִיט צוּא בַּאמִיהֶען זִיךְ אוּנ נִיט שָׁאקְלֶען דֶעם גוּף אוּנ נִיט שְׁפַּאצִירֶען בִּיז עֶס פַר דַאיֶיעט דֶעם עֶסִין אוּנ דֶר וָואס שְׁפַּאצִירְט נָאכִין עֶסִין אוּנ עֶר בַּאמִיהְט זִיךְ שְׁטַארְק בְּרֵיינְגְט אויף זִיךְ אַלֶערְלֵיי חֳלָאִים רָעִים וְקָשִׁים:

די לו לאדם לישן שלישן שהוא שמונה שעות ויהיו בסוף הלילה כדי שתהיה מתחלת שנתו עד שתעלה השמש שמונה שעות נמצא עומד ממטתו קודם שתעלה השמש: ה) לא יישן אדם לא על פניו ולא על ערפו אלא על צדו בתחלת הלילה על צד שמאל ובסוף הלילה על צד ימין ולא יישן סמוך לאכילה אלא ימתין אחר אכילה כמו ג׳ או ד׳ שעות ולא יישן ביום: ו) דברים המשלשלין את בני מעים כגון ענבים ותאנים ותותים ואגסים ואבטיחים ומיני הקישואים ומיני המלפפונות אוכל אותם האדם בתחילה קודם אכילה ולא יערבם עם המזון אלא שוהה מעט עד שיצאו מבטן העליון ואוכל מזונו ודברים שמאמצין את בני מעים כגון רימונים ופרישין ותפוחים וקרשטמולין אוכל אותם תיכף למזונו ולא ירבה לאכול מהן: ז) כשירצה אדם לאכול בשר עוף ובשר בהמה כאחד אוכל בתחלה בשר העוף וכן ביצים ובשר עוף אוכל בתחלה ביצים בשר בהמה דקה ובשר בהמה גסה אוכל בתהלה בשר דקה · לעולם

ד) דֶער טָאג אוּנ דִיא נַאכְט אִיז פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שְׁטוּנְדִין · קְלֶעקְט דֶעם מֶענְטְשִׁין צוּא שְׁלָאפִין אַ דְרִיטֶעל דָאס אִיז אַכְט שְׁטוּנְד דֶער אָן פַאנְג שְׁלָאף בִּיז עֶנְדֶע אַכְט שָׁעוֹת זָאל זִיךְ עֶנְדִיגֶען מִיטֶען פְרִיא מָארְגֶען כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיף שְׁטֵיין אֵיידֶער דִיא זוּן גֵייט אוֹיף: ה) אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט שְׁלָאפִין אוֹיפִן פָּנִים אוּנ נִיט אוֹיפִין רוּקֶן · נוּר אוֹיף אַ זַייט · אִין אָנְפַאנְג נַאכְט אוֹיף דִיא לִינְקֶע זַייט · אוּנ עֶנְדֶע נַאכְט אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט · עֶר זָאל נִיט שְׁלָאפִין גְלַייךְ נָאכִין עֶסִין עֶר זָאל וַוארְטִין נָאכֶען עֶסִין בִּיז צְוֵויי אָדֶער דְרַיי שְׁטוּנְד עֶר זָאל נִיט שְׁלָאפִין בַּיי טָאג: ו) דִי זַאכְן מַאכִין לוֹיז דִיא גֶעדֶערִים · עֲנָבִים · וְאַגָסִים · וַאֲבַטִּיחִים · וּמִינֵי הַקִשׁוּאִים · וּמִינֵי הַמַלְפְּפוֹנוֹת זַייא זָאל דֶער מֶענְטְשׁ עֶסִין פַארִין עֶסִין · אוּנ נִיט צוּ מִישֶׁען מִיט דִיא עֶסִין · נוּר עֶר זָאל טְרִינְקֶן אַבִּיסֶעל בִּיז עֶס זָאל דִי עֶסִין אַרוּנְטֶער גֵיין · נַאכְהֶער זָאל עֶר עֶסִין וִוי גֶעהֶערִיג · אוּנ דִיא זַאכִין שְׁטַארְקֶען דִיא גֶעדֶערִים · רִמוֹנִים וּפְרִישִׁין וְתַפּוּחִים · וְקַרְשְׁטְמוּלִין דָאס זָאל עֶר עֶסִין גְלַייךְ בַּייא דֶעם עֶסִין · נוּר פִיל נִיט צוּ עֶסִין פוּן זַייא: ז) אַז דֶער מֶענְטְשׁ וִויל עֶסִין פְלֵייש מִינֵי גַסָה מִיט פְלֵייש פוּן עוֹפוֹת צוּזַאמֶען זָאל עֶר עֶסִין עֶרְשְׁטִין דִיא בְּשַׂר עוֹף · אוּנ בְּשַׂר עוֹף מִיט בֵּיצִים · עֶסְט עֶר פְרִיהֶער בֵּיצִים · פְלֵייש פוּן בְּהֵמָה דַקָה אוּנ פְלֵייש

יקדים אדם דבר הקל ומאחר הכבד: ח) בימות החמה אוכל מאכלים הקרים ולא ירבה בתבלין ואוכל את החומץ ובימות הגשמים אוכל מאכלים החמים ומרבה בתבלין ואוכל מעט מן החרדל ומן החלתית ועד״ז הולך ועושה במקומות הקרים ובמקומות החמים בכל מקום ומקום הראוי לו: ט) יש מאכלות שהם רעים ביותר עד מאד וראוי לאדם שלא לאכלן לעולם כגון הדגים הגדולים המלוחים הישנים והגבינה המלוחה הישנה והכמהין ופטריות והבשר המליח הישן ויין מגתו ותבשיל ששהה עד שנדף ריחו וכן כל מאכל שריחו רע או מר ביותר הרי אלו לגוף כמו סם המות ויש מאכלות שהן רעים אבל אינם כמו הראשונים לרוע לפיכך ראוי לאדם שלא לאכול מהן אלא מעט ואחר ימים הרבה ולא ירגיל עצמו להיות מזונו מהם או לאכלן עם מזונו תמיד כגון דגים גדולים וגבינה וחלב ששהה אחר שנחלב כ״ד שעות ובשר שוורים ותיישים גדולים

והפול

פון בְּהֵמָה גַסָה׳ עֶסְט עֶר פְּרִיהֶער בְּשַׂר דַקָה׳ אֵייבִּיג זָאל עֶר עֶסִין דִי גְרִינְגֶערֶע אוּנ נַאכְהֶער דִיא שְׁוֶוערֶע: ח) אוּם זוּמֶער זָאל מֶען עֶסִין קַאלְטֶע עֶסִין מִיט וַויינִיג גֶעוִירְצֶען׳ אוּנ קֶען עֶסִין עֶסִיג׳ אוּנ אוּם וִוינְטֶר עֶסְט מֶען וַוארֶעמֶע עֶסִין׳ אוּנ מִיט מֶעהְר גֶעוִירְצֶען׳ אוּנ זֶענֶעפְט וָואס וַוינִיג׳ אוּנ דֶעם מִין חִלְתִית׳ דִיזֶע זַאכֶען גֵייט אָן אִין דִיא קַאלְטֶע עֶרְטֶער׳ אוּנ אִין דִיא וַוארֶעמֶע יֶעדֶער נָאךְ זַיין אָרְט נָאךְ: ט) עֶס גִיט אֶזֶעלְכֶע עֶסִין וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט צוּם גוּף דֶערוּם בְּרוּיךְ מֶען דָאס נִימַאלְס עֶסִין דְהַיְינוּ גְרוֹסֶע פִּיס גֶעזַאלְצֶענֶע אוּנ קֶעז גֶעזַאלְצֶענֶע פוּן אַלְט אוּנ מִינֵי שְׁוֶועמֶלֶען אוּנ אַלְטֶע פְלֵייס פוּן אַלְט גֶעזַאלְצֶען אוּנ וַויין פוּן קֶעלְטֶער אוּנ אַזֶעלְכֶע גֶעקֶעכְץ וָואס עֶס בַּאקוּמְט אַגְרוּךְ אוּנ פִיל אַזֶעלְכֶע מַאֲכָלִים דָאס עֶס שְׁמֶעקְט נִיט גוּט אָדֶער עֶס אִיז בִּיטֶער דָאס אִיז צוּם גוּף וִויא סַם הַמָוֶת׳ עֶס אִיז פַאר הַאנְדֶען אוּנְטֶער שֵׁיידְלֶעכֶע עֶסִין וָואס נִיט אַזוֹי שְׁלֶעכְט אִיז וִויא דִיא עֶרְשְׁטֶע דֶערוּם בְּרוּיךְ זִיךְ דֶר מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם אָפּ הִיטֶען נִיט צוּא עֶסִין פוּן זֵייא פִיל אוּנ נִיט אָפְּט׳ אוּנ נִיט אַיין צוּא גֶעוֵוינֶען פוּן זֵייא עֶסִין אַ מָאלְצֵייט׳ אָדֶער צוּ זַאמֶען צוּא עֶסִין שְׁטֶענְדִיג דְהַיְינוּ גְרוֹיסֶע פִישׁ אוּנ קֶעז אוּנ מִילְךְ וָואס שְׁטֵייט פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שְׁטוּנְד נָאכִין מֶעלְקִין אוּנ פְלֵייס פוּן אַ גְרוֹישֶׁע בְּהֵמָה

אונ

והפול והעדשים והספיר ולחם שעורים ולחם מצות והכרוב והחציר והבצלים והשומים והחרדל והצנון · כל אלו מאכלים רעים הם ואין ראוי לאדם לאכול מהן אלא מעט עד מאד ובימות הגשמים אבל בימות החמה לא יאכל מהן כלל · והפול והעדשים בלבד אין ראוי לאכלן לא בימות החמה ולא בימות הגשמים · והדלועין אוכלין מהם בימות החמה : י) ויש מאכלים שהם רעים ואינן כמו אלו והם עוף המים ובני יונה הקטנים והתמרים ולחם קלוי בשמן והסולת שנפו אותו כל צרכה עד שלא נשאר בה ריח מורסן והציר והמורייס · אין ראוי להרבות מאכלים אלו · ואדם שהוא חכם וכובש את יצרו ולא ימשוך אחר תאותו ולא יאכל מן הנזכרים אלא אם נצרך לרפואה ה"ז גבור : יא) לעולם ימנע אדם עצמו מפירות האילנות ולא ירבה מהן ואפילו יבשין ואצ"ל רטובים אבל קודם שיתבשלו כל צרכן הרי הן כחרבות לגוף וכן החרובים רעים

לעולם

און פון גרוסע בעק · והפול · והעדשים והספיר און גערשטין ברויט און מצות והכרוב והחציר והבצלים והשומים והחרדל והצנון די אלע זאכין זיינען זייער שלעכטע עסין · דען ברויך דער מענטש פון דיא זאכען ניט פיל עסין און דען ווינטער אבער זומער זאל מען דער פון גאר ניט עסין · והפול והעדשים אליין ברויך מען ניט צוא עסין ניט זומער און ניט ווינטער · והדלועין קען מען עסין אום זומער : י) עס איז עסינוואַרג פאר האנדען אויך שלעכטע אבער ניט וויא דיא ערשטע · פיגלען וואס געפינט זיך אין וואסער יונגע טויבען קליינע · והתמרים ברויט געטריקענטע מיט אייל · און זעמעל מעל אויס געזיפטע וויא געהעריג איז · דאס עס איז ניט איבער געבליבען דיין קיין קלייען והחציר והמוריים פון זייא ברויך מען ניט פיל צוא עסין · דער מענטש וואס איז קלוג · און שטארקט זיך געגין דעם יצר הרע און גייט ניט נאך זיינע תאות און ער עסט ניט פון דיא אלע זאכין וואס פריער איז דר מאנט מער ניט וואס נייטיג איז צו רפואה דעם קען מען רופן גבור : יא) אייביג זאל זיך דער מענטש פאר מיידען פון פרוכטען ניט פיל צוא עסין פון טרוקענע און פשיטא פון פייכטע · דער וואס עסט אום צייטיגע פירות איז גליך וויא מען וואלט איהם שטעכין מיט שווערדין און אזו דיא

פלוצערן

לעולם וכל הפירות החמוצין רעים ואין אוכלין מהם אלא מעט בימות החמה ובמקומות החמים·והתאנים והענבים והשקדים לעולם טובים בין רטובים בין יבשין ואוכל אדם מהם כל צרכו ולא יתמיד אכילתו ואע"פ שהן טובים מכל פירות האילן: יב) הדבש והיין רע לקטנים ויפה לזקנים וכ"ש בימות הגשמים וצריך אדם לאכול בימות החמה שני שלישי ממה שהוא אוכל בימות הגשמים: יג) לעולם ישתדל אדם שיהיו מעיו רפין כל ימיו ויהיה קרוב לשלשול מעט · וזה כלל גדול ברפואה שכל זמן שהרעי נמנע או יצא בקושי חלאים רעים באים ובמה ירפה אדם מעיו אם יתאמצו מעט אם היה בחור יאכל בבקר בבקר מלוחים שלוקים מתבשלין בשמן זית ובמורייס ובמלח בלא פת או ישתה מי שלק של תרדין או כרוב בשמן זית ומורייס ומלח ואם היה זקן ישתה דבש מזוג במים חמים בבוקר וישהה כמו ארבע שעות ואח"כ יאכל סעודתו ויעשה כן יום אחד או ג' או ד' ימים אם צריך לכך עד שירפו מעיו: יד) ועוד כלל אחר

פלוצערען זיינען שלעכט אימער אונ אלע דאהרע פירות זיינען שלעכט· זומער אין דיא ווארעמע ערטער קאן מען עסין נור ניט פיל· וְהַתְּאֵנִים וְהָעֲנָבִים וְהַשְּׁקֵדִים זיינען אימער גוט סייא טרוקענע אונ סייא פייכטע· פון זייא קאן מען עסין וויא נייטיג איז ווען אויך זייא זיינען בעסער פאר אלע פרוכטען · שאט ווען מען פיל עסט: יב) האניק אונ וויין איז שלעכט פאר קליינע קינדער אונ גוט פאר אלטע לייט אונ פשיטא אום ווינטער · אום זומער קאן מען נור עסין צווייא דריטעל פון ווינטער: יג) מען ברויך אכטונג צוא געבין דאס דער שטול גאנג זאל זיין לויז כמעט וויא שלשול · אונ דאס איז דיא הויפט זאך אין רפואות · וואָרום וויא באלד דער אויס גאנג איז הארט אונ קומט אן מיט שווערענעס דער פון קומט שלעכטע קריינק · אונ מיט וואס זאל מען לויז באקומען דיא בויך אלע מארגענס צוא עסין מלוחים שלוקים געקאכט מיט שמן זית ובמורייס אונ מיט זאלץ · אונ ווען ער איז אלט זאל ער טרינקען האניג צומישט מיט ווארמע וואסער אין דער פריא · אונ ער זאל זאמען פיר שטונדען אונ נאכהער זאל ער עסין · ער זאל אזו טאהן איין טאג אדער דרייא פיר ווען ער ברויך ביז עס וועט איהם לויז ווערין דיא בויך: יד) נאך א כלל האבין זיי געזאגט אין דיא בריאות פון גוף · ווען

דער

אמרו בבריאות הגוף כל זמן שאדם מתעמל וייגע הרבה ואינו שבע ומעיו רפין אין חולי בא עליו וכחו מתחזק ואפילו אוכל מאכלות הרעים: טו) וכל מי שהוא יושב לבטה ואינו מתעמל או מי שמשהה נקביו או מי שמעיו קשין אפילו אכל מאכלים טובים ושמר עצמו על פי הרפואה כל ימיו יהיו מכאובים וכחו תשש ואכילה גסה לגוף של אדם כמו סם המות והוא עיקר לכל החלאים ורוב החלאים שבאים על האדם אינם אלא או מפני מאכלים רעים או מפני שהוא ממלא בטנו ואוכל אכילה גסה ואפי' ממאכלים טובים הוא ששלמה אמר בחכמתו (משלי כא) שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו כלומר שומר פיו מלאכול מאכל רע או מלשבוע ולשונו מלדבר אלא בצרכיו: טז) דרך הרחיצה שיכנס אדם למרחץ משבעה ימים לשבעה ימים ולא יכנס סמוך לאכילה ולא כשהוא רעב אלא כשיתחיל המזון להתעכל ורוחץ כל גופו בחמין שאין הגוף

דער מענטש איז מיד און פאר מאטערט און ניט זאט און זיין בויך איז איהם לויז דען וועט אויף איהם קיין קראנקייט קומען · און ער איז שטארק אויך ווען ער עסט שלעכטע מאכלים: טו) דער מענטש וואס זיצט גאנץ רוהיג און ניט פאר מידעט אדער דער מענטש וואס האלט זיך אויף פון נקבים · און דער וואס האט הארט לייב ווען אויך ער עסט גוטע זאכין און היט זיך אפ זיין לעבין דורך דאקטאריע פון דעסט וועגין איז ער כל ימיו אין ווייטאגין און ער איז שוואך · איבעריגס עסין צום גוף איז וויא סם המות · דאס איז דר גרונד פון אלע חלאים דאס הויפט קראנקהייט קומט נור ענטפער ער עסט וואס מען ברויך ניט צוא עסין אדער ער עסט צו פיל אפילו וואס מען קאן עסין · דאס האט שלמה המלך געזאגט אין משלי שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו איז דער פירוש שומר פיו ער היט אפ זיין מויל פון צוא עסין וואס מען ברויך ניט צוא עסין · און ניט צוא פיל צו עסין · ולשונו היט ער אפ פון צו ריידען מער ניט וואס ער דארף ריידען דר פאר היט זיך פון אלע צרות: טז) דער שטייגער וויא צוא וואסען זיך אין מרחץ · צו גיין אלע זיבען טעג אין מרחץ · און ניט דיא צייט ווען ער איז הונגעריג און ניט באלד נאכין עסין · נור אין דיא צייט ווען ער שפירט אז דיא עסין איז שוין

הגוף נכוה בהן וראשו בלבד בחמין שהגוף נכוה בהן ואח"כ ירחץ גופו בפושרין ואח"כ בפושרין מן הפושרין עד שירחץ בצונן ולא יעביר על ראשו מים לא פושרין ולא צונן ולא ירחץ בצונן בימות הגשמים ולא ירחץ עד שיזיע ויפרך כל גופו ולא יאריך במרחץ אלא כשיזיע ויפרך גופו ישתטף ויצא ובודק עצמו קודם שיכנס למרחץ ואחר שיצא שמא יהא צריך לנקביו וכן בודק אדם עצמו תמיד קודם אכילה ואחר אכילה וקודם שייגע ויתעמל ואחר שייגע ויתעמל וקודם שיישן ואחר שיישן כשיעור הכל עשרה:

יז) כשיצא האדם מן המרחץ ילבש בגדיו ויכסה ראשו בבית החצון כדי שלא תשלוט בו רוח קרה ואפילו בימות החמה צריך להזהר וישהה אחר שיצא עד שתתישב נפשו וינוח גופו ותסיר ממנו החמימות ואח"כ יאכל ואם ישן מעט כשיצא מן המרחץ קודם אכילה הרי זה יפה מאד · לא ישתה מים קרים בצאתו מן המרחץ ואצ"ל

שלא

שוין פאר דאייעט · אונ ער זאל זיך וואשען מיט ווארעמע וואשער ניט מיט קאכענדיגע דעם גוף · אבער דיא קאפ קען ער וואשין אויך מיט קאכעדיגע וואשער אונ נאכהער צו וואשין דעם גוף מיט לעפלעבע וואשער ביז ער קען זיך וואשין אויך מיט קאלטע וואשער · ער זאל אויפין קאפ ניט גיסין ניט לעפלעבע אונ ניט קאלטע וואשער · אום ווינטער זאל ער זיך ניט וואשין מיט קאלטע · אונ ער זאל זיך ניט וואשין · ערשטין אויש צו שוויצען אונ דעם גוף ווייך צו מאכין · ער זאל ניט לאנג פאר ברייגגען אין מרחץ · נאר אויש צו שוויצין אונ דעם גוף פייכט צוא מאכין · אונ אב צוא וואשין זיך אונ ארויש גיין · ער זאל גיין אויף נקבים פארין מרחץ אונ נאך דעם · אונ אזוי פירין עסין אונ נאכין עסין אונ איידער ער טוט שווערע ארבעט אונ נאך דעם אונ פארין שלאף אונ נאך דעם שלאף פיל מער :

יז) אז ער גייט ארויש פון מרחץ זאל ער זיך אן טאן אונ דיא קאפ צו דעקין כדי ער זאל זיך ניט פאר קילין אפילו אום זומער זאל ער זיך אפ היטין · נאך דעם מרחץ זאל ער זיך בארוהען אז די היטץ זאל פון איהם געשטילט ווערין · נאך דעם קען ער עסין אונ ווען ער קען עטוואס פריהער שלאפין איז נאך בעסער · ער זאל ניט טרינקען נאכין מרחץ קאלטע

וואסער

שלא ישתה במרחץ ואם צמא כשיצא מן המרחץ ואינו יכול למנוע עצמו יערב המים ביין או בדבש ושותה ואם סך בשמן במרחץ בימות הגשמים אחר שישתטף הרי זה טוב: יח) לא ירגיל אדם להקיז דם תמיד ולא יקיז אלא אם היה צריך לא ביותר ולא יקיז לא בימות החמה ולא בימות הגשמים אלא מעט בימי ניסן ומעט בימי תשרי ומאחר חמשים שנה לא יקיז כלל ולא יקיז אדם דם ויכנס למרחץ בו ביום ולא יקיז ויצא לדרך ולא ביום שיבא מן הדרך ויאכל וישתה ביום ההקזה פחות ממה שהוא רגיל וינוח ביום ההקזה ולא ייגע ולא יתעמל ולא יטייל: יט) שכבת זרע הוא כח הגוף וחייו ומאור העינים וכל זמן שתצא ביותר הגוף כלה וכחו כלה וחייו אובדים· הוא שאמר שלמה בחכמתו (משלי לא) אל תתן לנשים חילך כל השטוף בבעילה זקנה קופצות עליו וכחו תשש ועיניו כהות וריח רע נודף

מפיו

וואַסֶער אוּנ פְּשִׁיטָא אִין מֶרְחָץ· אוּנ וֶוען עֶר אִיז דָארְשְׁטִיג נָאכִין מֶרְחָץ אוּנ עֶר קֶען זִיךְ נִיט אָבּ הַאלְטִין· זָאל עֶר צוּ מִישִׁין דִיא וואַסֶער מִיט וויין· אָדֶער מִיט הָאנִיג· וֶוען עֶר שְׁמִירְט זִיךְ אִין מֶרְחָץ מִיט שֶׁמֶן נָאכִין וואַשִׁין אִיז אוֹיךְ גוּט: יח) מֶען זָאל זִיךְ נִיט איין גֶעוויינֶען בְּלוּט אָפּ צוּ לָאזִין· נוּר אַז עֶר דַארְף גֵייטִיג· עֶר זָאל זִיךְ נִיט לָאזִין קֵיין בְּלוּט נִיט אוּם זוּמֶער אוּנ נִיט אוּם ווינְטֶער· נָאר אִין נִיסָן אוּנ תִּשְׁרֵי צוּ בִּיסְלַאךְ אוּנ נָאךְ פוּפְצִיג יָאר זָאל עֶר קֵיין בְּלוּט אָבּ לָאזִין אוּנ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִיט לָאזִין קֵיין בְּלוּט אוּנ אִין דֶעם טָאג אִין מֶרְחָץ גֵיין· אוּנ נִיט אִין דֶעם טָאג אִין וֶועג צוּ גֵיין אוּנ נִיט וֶוען עֶר קוּמְט פוּן וֶועג· עֶר זָאל עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען דֶעם טָאג פוּן בְּלוּט לָאזִין ווייניגֶער וִויא גְיוויינְלִיךְ אוּנ עֶר זָאל רוּהֶען אִין דֶעם טָאג· אוּנ נִיט צוּ הָארֶעוֶועון אוּנ נִיט שְׁפַּאצִירִין צוּא גֵיין: יט) שִׁכְבַת זֶרַע דָאשׁ קוּמְט פוּן דִיא קְרֶעפְטִין פוּן גוּף· אוּנ אִיז דָאס לֶעבִּין אוּנ דִיא לִיכְט פוּן דִיא אוֹיגִין אוּנ פוּן פִיל מוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע וֶוערְט דֶער גוּף פַאר שְׁוואַכְט אוּנ דִיא קְרֶעפְטִין פוּן מֶענְטְשׁ אוּנ זַיין לֶעבִּין פַאר לִירְט עֶר· דָאס זָאגְט שׁוֹין שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ מִיט זַיין חָכְמָה דוּא זָאלְסְט נִיט גֶעבִּין דַיין קְרַאפְט צוּ ווייבֶּער· דֶער וָואס אִיז פַרְשַׁייט דֶערִינֶען· קוּמְט אוֹיף אִים דֶער עֶלְטֶער פְּלוּצְלוּנְג· אוּנ דִיא קְרַאפְט שְׁטֵייט אָבּ פוּן אִים· אוּנ דִיא אוֹיגִין וֶוערִין אִים טוּנְקֶעל· אוּנ פוּן מוֹיל

מפיו ומשחיו ושער ראשו וגבות עיניו וריסי עיניו נושרות ושער זקנו ושער רגליו רבה ושיניו נופלות והרבה כאבים באים עליו חוץ מאלו אמרו חכמי הרופאים אחד מאלף מת בשאר חולאים והאלף מרוב התשמיש לפיכך צריך אדם להזהר בדבר זה אם רצה להיות בטובה : כ) כל המנהיג עצמו בדרכים אלו שהורונו אני ערב לו שאינו בא לידי חולי כל ימיו עד שיזקין הרבה וימות וא"צ לרופא ויהיה גופו שלם ועומד על בוריו כל ימיו אלא אם כן היה גופו רע מתחלת ברייתו או אם היה רגיל במנהג מן המנהגות הרעים מתחלת מולדתו או אם תבא מכת דבר או מכת בצורת לעולם : כא) וכל המנהגות הטובים האלו שאמרנו אין ראוי לנהוג בהם אלא הבריא אבל חולה או מי שנהג מנהג רע שנים רבות יש לכל אחד ואחד מהם דרכים אחרים והנהגות כפי חליו כמו שיתבאר בס' הרפואות
ושינוי

גֵייט אִים אַשְׁלֶעכְטִין גְרוּךְ אוּנ דִיא הָאר פוּן קָאפּ אוּנ דִיא בְּרֶעמֶען פוּן דִיא אוֹיגִין פַאלִין אַרוּנְטֶער · אוּנ דִיא הָאר פוּן בָּארְד אוּנ פוּן דִיא פִּיס בַּאוואַקְסִין אִים · אוּנ דִי צֵיינֶער פַאלִין אַרוֹיס · אוּנ מֶער וֵוייטָאג קוּמֶען דֶער פוּן · אוּנ אוֹיךְ דִיא קְלוּגֶע דָאקְטוֹרִים זָאגִין אַז אֵיינֶער פוּן טוֹיזִינְד שְׁטַארְבִּין נִיט פוּן דֶעם · אוּנ אַלֶע שְׁטַארְבִּין דוּרְךְ דֶעם דַארוּם מוּז דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם זִיךְ זֵייעֶר אָפּ הִיטִין · אוֹיבּ עֶר וִויל לַאנְג לֶעבִּין : כ) דֶר מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ אָבּ פוּן אַלֶעם וָואס מִיר הָאבִּין דָא אָן גִיזָאגְט · בִּין אִיךְ אִים עָרֵב אַז עֶר וֶועט קַיין מָאל קוּמֶען צוּא קַיין קְרַאנְקְהַייט · בִּיז עֶר וֶועט אַלְט וֶוערִין אוּנ שְׁטַארְבִּין וֶועט עֶר נִיט בְּרוֹיכִין קַיין דָאקְטֶער · אוּנ עֶר וֶועט שְׁטֵיין אִין גַאנְצִין גִיזוּנְד דֶעם גַאנְצִין לֶעבִּין שַׁיידִין עֶר אִיז גִיבָּארִין גִיוָוארִין מִיט אַ קְרַאנְקְהַייט · אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ אָן גִיפַאנְגֶען צוּ פִירִין מִיט דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִנְהָגִים פוּן יוּגֶענְט אָן אָדֶער וֶוען עֶס קוּמְט חָלִילָה אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ קְרַאנְקְהַייט אָדֶער אַ הוּנְגֶער : כא) אוּנ אַלֶע גוּטֶע מִנְהָגִים וָואס מִיר הָאבִּין פַאר זָאגְט · דָאס גֵייט נָאר פַאר גִיזוּנְטֶע מֶענְטְשִׁין · אָבֶער פַאר קְרַאנְקֶע מֶענְטְשִׁין אָדֶער פַאר דִיא וָואס הָאבִּין זִיךְ אַיין גִיפִירְט מִיט דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִנְהָגִים כַּמָּה שָׁנִים · אִיז פַאר יֶעדְרִין דָא אַנְדֶרֶע מִיטְלֶען נָאךְ דִיא קְרֵיינְק נָאךְ וִויא עֶס וֶוערְט גִירֶעט אִין סֵפֶר הָרְפוּאוֹת · וֶוען מֶען פַאר עֶנְדֶערְט דִי גִיוואוֹנְהַייט דָאשׁ אִיז דֶר
אנפאנג

ושינוי וסת תחלת חולי: כב) כל מקום שאין בו רופא אחד הבריא ואחד החולי אין ראוי לו לזוז מכל הדברים האלו שאמרנו בפרק זה שכל א' מהן לאחרית טובה מביא: כג) כל עיר שאין בה י' דברים אלו אין תלמיד חכם רשאי לדור בתוכה ואלו הן · רופא · ואומן · ובית המרחץ · ובית הכסא · ומים מצויין כגון נהר ומעין · ובית הכנסת · ומלמד תינוקות · ולבלר · וגבאי צדקה · ובי"ד:

# פרק ה

**כשם** שהחכם ניכר בחכמתו ובדעותיו והוא מובדל בהם משאר העם כך צריך שיהיה ניכר במעשיו במאכלו ובמשקהו ובעשיות צרכיו ובדיבורו ובהלוכו ובמלבושו ובכלכול דבריו ובמשאו ובמתנו ויהיו כל המעשים האלו נאים ומתוקנים ביותר כיצד ת"ח לא יהיה גרגרן אלא אוכל מאכל הראוי להברות גופו ולא יאכל ממנו אכילה גסה ולא יהא רודף למלאות בטנו כאלו שמתמלאין ממאכל ומשתה עד שתיפח כריסם · ועליהם מפורש בקבלה (מלאכי

אָנְפַאנְג פון קְרַיינְק · כב) אִין יֶעדֶער אָרְט וָואס גִיפִינְט זִיךְ נִיט דָארְטִין קֵיין רוֹפֵא דֶער מוז זִיךְ פִירִין נָאךְ דִיא מִנְהָגִים וִויא מִיר גִישְׁרִיבִּין הָאבִּין הֵין אַ גִיזוּנְטֶער אָדֶער אַ קְרַאנְקֶער טָאר נִיט אָבּ טְרֶעטִין פון דִיא אַלֶע זַאכִין וָואס מִיר הָאבִּין גִישְׁרִיבִּין אִין דֶעם פֶּרֶק · דָאס יֶעדֶער פון דָאס אִיז דָאס לֶעצְט זֵייעֶר גוּט: כג) יֶעדֶער שְׁטָאט וָואס גִיפִינְט זִיךְ נִיט פון דִיא צֶעהֶען זַאכִין דָארְטִין טָאר נִיט וֵוייְנֶען אַ תַּלְמִיד חָכָם · דָאס זַיינֶען זֵייא · אַ דָאקְטֶער · אַ צִירוּלְנִיק · אַ בֵּית הַמֶרְחָץ · אַ בֵּית הַכִּסֵא · אוּנ וַואסֶער צוּא בַּאקוּמֶען · טַייכִין · קְוַואלִין · אַ שׁוּלִי אַ מְלַמֵד צוּא קְלֵיינֶע קִינְדֶער · אַ סוֹפֵר · אַ גַבָּאֵי צְדָקָה · אוּנ בֵּית דִין:

פרק ה אַזוֹ וִויא דֶער חָכָם אִיז דָאךְ אוֹיש גֶעצֵייכֶענְט מִיט זַיין חָכְמָה אוּנ מִיט שֵׂכֶל פון גַאנְצִן גֶעמֵיין · דִי זֶעלְבֶּע מוּז עֶר זַיין אוֹיש גֶעצֵייכֶענְט מִיט זַיינֶע וֶוערְקֶען פון אַלֶעמֶען · הֵין אִין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ אִין אַרְבֶּעט אוּנ אִין רֵייד אוּנ אִין גֵיין מִיט דִיא קְלֵיידֶער אוּנ אִין גִישֶׁעפְט · אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאל זַיין רִיכְטִיג אוּנ שֵׁיין · דְהַיְינוּ אַ ת"ח דַארְף נִיט זַיין קֵיין פְרֶעסֶער · נוּר צוּ עֶסִין אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס נֵייטִיג צוּם גוּף

ב׳) וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם אמרו חכמים אלו בני אדם שאוכלין ושותין ועושין כל ימיהם כחגים והם האומרים (ישעיה כ) אכול ושתה כי מחר נמות וזהו מאכל הרשעים ושולחנות אלו שנינה הכ׳ ואמר כי כל שולחנות מלאו קיא צואה בלי מקום אבל החכם אינו אוכל אלא תבשיל א׳ או ב׳ ואוכל ממנו כדי. חייו ודיו · הוא שאמר שלמה (משלי יג) צדיק אוכל לשובע נפשו : ב) כשהחכם אוכל מעט זה הראוי לו לא יאכלנו אלא בביתו על שלחנו · לא יאכל בחנות ולא בשוק אלא לפי צורך גדול כדי שלא יתגנה בפני הבריות ולא יאכל אצל עמי הארץ ולא על אותן השולחנות המלאות קיא צואה ולא ירבה סעודתו בכ״מ ואפילו עם הכמים ולא יאכל בסעודה שיש בה קיבוץ הרבה ואין ראוי לו לאכול אלא בסעודה של מצוה בלבד כגון סעודת אירוסין ונשואין והוא שיהיה ת״ח שנשא בת ת״ח · והצדיקים והחסידים הראשונים לא

איז ער זאל עסין אונ ניט פרעסין וויא אנדערע וואס עסין ביז דיא בויך פלאצט אונ אויף זייא שרייבט שאן בקבלה איך וועל פיר שפרייטן דיא מיסט אויף אייער פנים דיא מיסט פון אייערע ימים טובים דיא חכמים זאגין דער פסוק מיינט דיא מענטשין זייא עסין אונ טרינקען אונ מאכין אלע טעג וויא ימים טובים דיא נעמליכע זאגין לאמיר היינט עסין אונ טרינקען · ווארום מארגין וועלין מיר שטארבין דאס איז דער עסין פון רשעים · זייערע טיסין שענט שאן דער פסוק אונ זאגט זייערע טיסין איז פול מיט צואה עס איז קיין ריינער ארט ביי זייא · אבער דער חכם ער עסט אונ באנוגענט זיך מיט איינע אדער צווייא געריכטין נור צוא דער האלטין דעם לעבין דאס זאגט שוין שלמה המלך דער צדיק עסט נור ביז זאט : ב) דער חכם וואס ער עסט נור ביז זאט · דען זאל ער ניט עסין אויף אנדערע טיסין נור אויף זיין אייגענעם טיש אין זיין הויז ער זאל ניט עסין אין מארק אונ ניט אין אבוד שיידין ווען ער גאנץ נייטיג האט כדי ער זאל ניט מבוזה ווערין ביי דעם עולם אונ ער זאל ניט עסין ביי עם הארץ אונ ניט אויף אזעלכע טישן וואס געפינט זיך אין אלערלייא שמוטץ · אונ אפילו צוא וויסין חכמים זאל ער זיך אב היטין ניט אפטלעך צו עסין אונ ניט צוא וויסין א גרויסע קאפאנייע · דאס הויפט נור אויף א סעודת מצוה · דהיינו א סעודה פון פיר קנאסין אונ א חתונה אונ דען אז א תלמיד

חכם

אכלו מסעודה שאינה שלהן : ג) כשהחכם שותה יין אינו שותה אלא כדי לשרות אכילה שבמעיו וכל המשתכר הרי זה חוטא ומגונה ומפסיד חכמתו ואם נשתכר בפני עמי הארץ הרי זה חלל את השם ואסור לשתות יין בצהרים ואפילו מעט אלא אם היה בכלל האכילה שהשתייה שהיא בכלל האכילה אינה משכרת ואין נזהרין אלא מיין של אחר המזון : ד) אע"פ שאשתו של אדם מותרת לו תמיד ראוי לת"ח שינהיג עצמו בקדושה ובהסתפקות ולא יקל ראש ביותר ולא ינבל את פיו בדברי הבאי ואפי' בינו לבינה הרי הוא אומר בקבלה (עמוס ד) מגיד לאדם מה שיחו אמרו חכמים אפי' שיחה קלה שבין אדם לאשתו עתיד ליתן עליה את הדין : ה) כל הנוהג מנהג זה לא די לו שקידש עצמו וטהר נפשו ותקן דעותיו אלא שאם היו לו בנים יהיו נאים ובביישנים ראויים לחכמה ולחסידות · וכל הנוהג במנהגות אנשים ההולכים בחושך יהיו לו

חכם נעמט נור א בת תלמיד חכם וואָרום דיא צדיקים אונ חסידים וואס פאר צייטין וואהר האבין ניט גיגעסין אויף קיין פרעמדע טישין : ג) אז דער תלמיד חכם טרינקט וויין זאל ער ניט טרינקען נור דעם עסין צוא פאר דייען אבער דער וואס טרינקט ביז שכור דער איז א זינדיקער אונ מגונה אונ ער ווערט אן זיין חכמה אונ אויך ווען ער טרינקט פאר עם הארצים פאר שוועכט ער נאך גאטעס נאמען · מען דארף ניט טרינקען אין מיטן טאג קיין וויין אפילו אביסל נור ביין עסין ווארום אין עסין שאט דיא וויין גאר ניסט · אונ איז ניט משכר מען מוז נור אב היטין פון דיא וויין וואס נאכין עסין : ד) אפילו דיא אייגענע ווייב וואס צו אים מותר איז · דארף א ת"ח אויך אב צו היטען זיך מיט איר נוהג צו זיין מיט הייליגקייט אונ צום באדארף · אונ ניט מיט הציפות אונ ניט צו פאר ברייניגען מיט איר מיט רייד פון נארעשקייט אפילו ווען זייא זיינען נור צו זאמען דען דער פסוק זאגט מען זאגט דעם מענטשין אויף יענער וועלט פאר וואס זיין רייד וואר מיט זיין פרויא אונ דיא חכמים זאגין אפילו אויף דיא גרינגשטע רייד וואס צו ווישען מאן אונ ווייב ווערט ער אויך גישטראפט אונ אב צו געבין חשבון : ה) דען ווער עס פירט זיך מיט זיין ווייב בקדושה · ניט גענוג וואס ער הייליגט זיין גוף אונ דיא נשמה אפילו די קינדער וואס קומען ארויס פון אים ווערין אויך זיין

בנים כמו אותם העם : ו) צניעות גדולה נוהגים תלמידי חכמים בעצמן לא יתבזו ולא יגלו גופן ואפילו בשעה שיכנס לבית הכסא יהא צנוע ולא יגלה בגדיו עד שישב ולא יקנח בימין ויתרחק מכל אדם ויכנס בחדר לפנים מחדר ומערה לפנים מן מערה ונפנה שם ואם נפנה אחורי הגדר יתרחק כדי שלא ישמע חבירו קולו אם יתעטש ואם נפנה בבקעה יתרחק כדי שלא יראה חבירו פירועו ולא ידבר כשהוא נפנה אפילו לצורך גדול וכדרך שנוהג צניעות ביום בבית הכסא כך נוהג בלילה׳ ולעולם ילמד אדם להפנו׳ שחרית וערבית בלבד כדי שלא יתרחק : ז) תלמיד חכם לא יהא צועק וצווח בעת דבורו כבהמות וחיות ולא יגביה קולו ביותר אלא יהא דבורו בנחת עם כל הבריות וכשידבר בנחת יזהר שלא יתרחק עד שיראה כדברי גסי הרוח ומקדים שלום לכל אדם כדי שתהא

שיין אונ ניט פאר שעמט וואס זיי זיינען ראוי צו זיין חכמים וחסידים· אבער ווער עס איז זיך נוהג וויא דער המון וואס גייען אין דער פינצטער וועט ער האבין קינדער אויך וויא דער המון איז · ו) דיא ת״ח מוזין זיך פירין מיט צניעות זייא זאלין זיך ניט מבזה זיין אפילו ווען זייא זיינען אין בית הכסא זאלן זיך ניט אב דעקין דעם גוף נאר וואס נייטיג איז אונ ביז ער זעצט זיך זאל ער זיך ניט אב דעקין אונ ניט ריין מאכין זיך מיט דיא רעכטע האנד · אונ דער ווייטערין זיך פון מענשין · ער זאל אריין גיין וואו צנוע איז דארטין צו געבין זיין שטול גאנג · ווען ער זעצט זיך הינטער א צאם זאל ער זיך ערווייטערין · מענשין זאלין ניט קענען הערין זיין נפיחה · אונ ווען ער זעצט זיך אויף א הוילין פלאץ זאל ער גיין וואו קיין מענטש ז[illegible] קענן זעהן זיין אויף דעק · ער זאל ניט ריידין אין דיא צייט אז ער זיצט צוא באדערפענעם · אויך ווען ער נייטיג האט צוא ריידי[illegible] אונ דאס גלייכין בייא נאכט מוז ער זיך נוהג זיין גלייך וויא בייא [illegible] אין בית הכסא · אונ א מענטש זאל זיך איין גיוויינען דעם שט[illegible] גאנג אין דער פריא אונ אבינט כדי ער זאל ניט דארפין זיך ערווייטערין פון מענטשין · ז) א ת״ח ברויך ניט צוא שרייען בעת אז ער רעט אזוא׳ וויא א בהמה אונ א חיה · אונ אויך ניט מיט א גרוישין שטים נור בנחת גירעט מיט יעדערין · אונ דען זאל ער זיך ניט אויס ציהין אז ער רעט וויא א בעל גאוה · אונ זאל פערערין שלום צו געבין

יערערין

רוהן נוחה הימנו ודן את כל האדם לכף זכות ומספר בשבח חבירו ואינו מספר בגנותו כלל אוהב שלום ורודף שלום · אם ראה שדבריו מועילים ונשמעים אומר ואם לאו שותק כיצד לא ירצה חבירו בשעת כעסו ולא ישאל לו על נדרו בשעה שנדר עד שתתקרר דעתו וינוח ולא ינחמנו בשעה שמתו מוטל לפניו מפני שהוא בהול עד שיקבר וכן כל כיוצא באלו ולא יראה לחבירו בשעת קלקלתו אלא יעלים עיניו ממנו ולא ישנה בדבורו ולא יוסיף ולא יגרע אלא בדברי שלום וכיוצא בהן · כללו של דבר אינו מדבר אלא בדברי חכמה או בגמילות חסדים וכיוצא בהן ולא יספר עם אשה בשוק ואפילו היא אשתו או אחותו או בתו: ה) לא ילך תלמיד חכם בקומה זקופה וגרון נטוי כענין שנאמר (ישעיה ג) ותלכנה נטויות גרון ומשקרות עינים ולא יהלוך עקב בצד גודל בנחת כמו

יֶעדֶערִין מֶענְטְש כְּדֵי עֶר זָאל זַיין אָן גִינוּמֶען בַּיי אַלֶעמֶען · אוּנ זָאל יֶעדֶערִין מֶענְטְש רִיכְטִין צוּא גוּטֶעם · אוּנ דֶער צֵיילִין זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּנ נִיט דִיא שְׁלֶעכְטֶע · דֶער כְּלַל אִיז מֶען מוּז לִיבִּין דִיא פְרִיד · אוּנ פִיר יָאגִין אוּם פְרִיד · אַז דֶער מֶענְטְש פַאר שְׁטֵייט אַז עֶר וֶועט דָאס זָאגִין וֶועטִין אִים הָארְכִין אוּנ עֶס וֶועט הֶעלְפִין מוּז עֶר זָאגִין · אוּנ וֶוען נִיט אִיז גְלַייכֶער עֶר זָאל שְׁוַוייגִין · דְהַיְינוּ וֶוען עֶר זֶעהְט אַז דֶער חַבֶר אִיז אִין כַּעַס זָאל עֶר אִים נִיט בֶּעטִין · אוּנ בְּעֵת אַז דֶער חַבֶר טוּט זִיךְ אַנֶדֶר דַאנְמָאלְס זָאל עֶר אִים נִיט פְרֶעגִין אוּיבּ עֶר הָאט חֲרָטָה וֶוען דֶען אַז עֶר וֶוערְט קַאלְט פוּן כַּעַס אוּנ בַּארוּהְט דֶען זָאל עֶר מִיט אִים רֵיידִין · אוּנ אַז דֶער מֵת לִיגְט פַר דֶעם אָבֵל זָאל עֶר אִים נִיט טְרֵייסְטִין וָוארוּם עֶר אִיז אִין טְרוּיעֶר בִּיז עֶר בַּאהַאלְט אִים אוּנ אַזוֹא פִיל גְלַייכִין · אוּנ אַז דֶער חַבֶר אִיז פַאר שֶׁעמְט זָאל עֶר אוּיף אִים נִיט קוּקִין · עֶר מוּז פַאר הוּילִין זַיינֶע אוּיגִין פוּן אִים · עֶר טָאר נִיט מְשַׁנֶה זַיין אִין זַיינֶע רֵייד נִיט צוּא לֵייגִין אוּנ נִיט אַרוּנְטֶער נֶעמֶען נוּר רִיכְטִיג גִירֶעט · דֶער כְּלַל אִיז מֶען בְּרוּיכְט מֶער נִיט צוּא רֵיידִין נוּר דְבַר חָכְמָה אָדֶער גְמִילַת חֲסָדִים אוּנ דָאס גְלַייכִין אוּנ זָאל נִיט רֵיידִין מִיט אַ פְרוֹיא אִין מַארְק אֲפִילוּ מִיט זַיין אֵייגֶענֶע פְרוֹיא אָדֶער אַשְׁוֶועסְטֶער אוּנ אַטָאכְטֶער:
ה) אַ ת״ח טָאר נִיט גֵיין מִיט דִיא קָאפּ פַאר רִיסִין אוּנ דִיא הַאלְז אוּיס גִישְׁטֶעלְט וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט זֵייא זַיינֶען גִיגַאנְגֶען דִיא הַאלְז אוּיס גִישְׁטֶעלְט

נשים וגסי הרוח כענין שנא׳ (שם) הלוך וטפוף תלכנה וברגליהן תכעסנה ולא ירוץ ברשות הרבים כמנהג משוגעים ולא יכפוף קומתו כבעלי חטוטרת אלא מסתכל למטה כמו שהוא עומד בתפלה ומהלך בשוק כאדם שהוא טרוד בעסקיו · גם במהלכו של אדם ניכר אם חכם ובעל דעת הוא או שוטה וסכל · וכן אמר שלמה בחכמתו (קהלת י) וגם בדרך כשהסכל הולך לבו חסר ואמר לכל סכל הוא מודיע לכל על עצמו שהוא סכל : ט) מלבוש ת״ח מלבוש נאה ונקי ואסור לו שימצא בבגדו כתם או שמנונית וכיוצא בה ולא ילבש לא מלבוש עשירים כגון בגדי זהב וארגמן שהכל מסתכלין בהן ולא מלבוש עניים שהוא מבזה את לובשיו אלא בגדים בינוגים נאים · ולא יהא בשרו נראה מתחת מדיו כמו בגדי הפשתן הקלים

גישטעלט אונ גיווינקט מיט דיא אויגין · אונ ער זאל ניט גיין אטריט ביא טריט באלאנגזאם אזוא וויא דיא ווייבער גייען אונ בעלי גאוה · וויא דער פסוק זאגט זייא זיינען גיגאנגען שוועבינדיק אונ מיט זייערע שוה פלעגין זייא פאר גיפטין · אונ זאל אויך ניט לויפין אין מארק ווי דיא משוגעים · אונ זאל ניט גיין איין גיבויגין צוא פיל · נור ער מוז קוקין אויף דער ערד גלייך וויא ער שטייט צום דאוונען ער מוז גיין אין גאס גלייך וויא איינער איז פאר טאן אין גישעפט · ווארום אין גאנג פון דעם מענטשין קאן מען דער קענען אויב ער איז את״ח אונ אקלוגער · אדער אנאר איין משוגע אזוא האט שלמה המלך גיזאגט מיט זיין חכמה · ווען דער נאר אונטער וועגינס גייט · איז זיין הארץ פעליג · אונ זאגט צוא אלעמען אז ער איז אנאר · ער באציינט אויף זיך זעלבסט אז ער איז אנאר : ט) דיא קלייד פון את״ח מוז זיין שיין אונ ריין עס טאר זיך ניט גיפינען אויפין קלייד אפלעק אדער פעטקייט אונ דאס גלייכין · ער זאל ניט גיין גיקליידעט צו רייך אין גאלדענע אונ פורפער וואהל · וואס אלע זאלין אויף אים קוקין · אונ אויך ניט גאנין אום פאר שעמטע קליידער וואס זיי פר שעמען דעם מענטשין וואס טראגט זייא · נור מיטעלע זארט נור ריין אונ שיין · אונ ניט אזעלכע קליידער וואס דיא לייב זאל זיך דורך זעהן · אונ ניט צוא לאנג וואס דיא קליידער שלעפין זיך אויף דער ערד · אזוא וויא דיא בעלי גאוות גייען נור דיא לייג ביז דער ערד אונ דיא ארבעל לאנג

ביז

ביותר שעושים במצרים ולא יהיו בגדיו סחובין על הארץ כמו בגדי גסי הרוח אלא עד עקבו ובית יד שלו עד ראשי אצבעותיו ולא ישלשל טליתו מפני שנראה כגסי הרוח אלא בשבת בלבד אם אין לו להחליף ולא ינעול מנעלים מטולאים טלאי על גבי טלאי בימות החמה אבל בימות הגשמים מותר אם היה עני · לא יצא מבושם לשוק ולא בבגדים מבושמים ולא ישים בושם בשערו אבל אם משח בשרו בבושם כדי להעביר את הזוהמא מותר · וכן לא יצא יחידי בלילה אלא אם כן היה לו זמן קבוע לצאת בו לתלמודו · וכל אלו מפני החשד : י)תלמיד חכם מכלכל כל דבריו במשפט אוכל ושותה וזן את אנשי ביתו כפי ממונו והצלחתו ולא יטריח על עצמו יותר מדאי · צוו חכמים בדרך ארץ שלא יאכל אדם בשר אלא לתיאבון שנאמר (דברים יב) כי תאוה נפשך לאכל בשר · דיו לבריא לאכול בשר מערב שבת לערב שבת ואם היה עשיר וכדאי לו לאכול

בִּיז דִיא שְׁפִּיצִין פִינְגֶער · עֶר זָאל נִיט פַאר־קַאסֶערִין דִיא קְלֵיידֶער וְויא דִיא גְרוֹיס הַאלְטֶער נוּר שַׁבָּת אַלֵיין וֶוען עֶר הָאט נִיט אוּם צוּא בַּייטִין אַקְלֵייד · אוּנ עֶר זָאל נִיט גֵיין אִין פַאר־לַאטֶעטֶע שִׁיך אַלַאטָע אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע לַאטָע אוּם זוּמֶער אָבֶּער וִוינְטֶער מֶעג עֶר גֵיין וֶוען עֶר הָאט נִיט אוּם צוּא בַּייטִין עֶר זָאל נִיט אַרוֹיס גֵיין אִין גַאס מִיט בְּשָׂמִים בַּאלֵייגְט אִין דִיא קְלֵיידֶער זָאל אוֹיךְ נִיט זַיין גֶעוְוירְצְט · אוֹיךְ דִיא הָאר נִיט אַיין שְׁמִירִין מִיט גִישְׁמֶעק · אָבֶּער וֶוען עֶר שְׁמִירְט דִי לַייבּ מִיט אֵייל כְּדֵי דִיא שְׁוֵויים אָפּ צוּא טָאן אִיז מוּתָּר · אוּנ את״ח טָאר נִיט אַרוֹיס גֵיין אַלֵיין בַּייא דֶער נַאכְט שַׁיידִין עֶר הָאט אַבֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ גֵיין זָאגִין אַשִׁעוּר דֶער אִיסוּר אִיז פוּן חֲשַׁד וֶועגִין : י) דֶער ת״ח מוּז פִירִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגִין מִיט גֶערִיכְט הֵן עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ דִיא הוֹצָאוֹת פוּן הויז נָאךְ זַיין פַאר מֶעג נָאךְ אוּנ דִיא הַכְנָסָה עֶר בְּרוֹיכְט זִיךְ נִיט צוּא בַּאלֶעסֶעגִין צוּא פִיל · דִיא חֲכָמִים הָאבִּין אוּנְז פַאר זָאגְט אִין הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ · אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל נוּר עֶסִין פְלֵייס וֶוען אִים גִילוּסְט · וָוארוּם אִין פָּסוּק שְׁטֵייט אַז עֶס וֶועט גִילוּסְטִין דַיין לַייבּ פְלֵייס צוּא עֶסִין · קְלֶעקְט דֶעם גִיזוּנְטִין מֶענְטְשׁ צוּא עֶסִין פְלֵייש נוּר מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת · נוּר דֶער וָואס פַאר מָאגְט מֶעג עֶסִין אַלֶע טָאג וֶוען עֶר בְּרוֹיךְ · דִיא חֲכָמִים הָאבִּין אוּנְז פַאר זָאגְט · דֶעם עֶסִין זָאל עֶר אַיין טֵיילִין

בשר בכל יום אוכל · צוו חכמים ואמרו לעולם יאכל אדם פחות מן הראוי לו לפי ממונו וילבש כראוי לו ויכבד אשתו ובניו יותר מן הראוי לו: יא) דרך בעלי דעה שיקבע לו אדם מלאכה המפרנסת אותו תחלה ואח"כ יקנה בית דירה ואח"כ ישא אשה שנ' (שם כ) מי האיש אשר נטע כרם ולא חללו מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו מי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה · אבל הטפשים מתחילים לישא אשה ואחר כך אם תמצא ידו יקנה בית ואחר כך בסוף ימיו יחזור לבקש אומנות או יתפרנס מן הצדקה · וכן הוא אומר בקללות (דברים כח) אשה תארש · בית תבנה · כרם תטע · כלומר יהיו מעשיך הפוכין כדי שלא תצליח את דרכיך · ובברכה הוא אומר (שמואל א יח) ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו : יב) ואסור לו לאדם להפקיר או להקדיש כל נכסיו ויטריח על הבריות ולא ימכור שדה ויקנה בית ולא בית ויקנה מטלטלין או יעשה סחורה

גימיינער אבער א קלייד ווייא גיהעריג איז · אונ פאר דיא פרוייא עט וואס מער ווייא דער פאר מעג : יא) דער שטייגער פון קלוגע מענטשין ערשטין צוא באשטימען אפרנסה פון וואנען צוא ציהען די חיונה · אונ נאך דעם אוואונונג · אונ נאך דעם צוא נעמען אפרוייא ווארום דער פסוק זאגט · פריער אז ער ווערט פלאנצין אוויין גארטין · נאך דעם דער מענטש וואס ווערט בויען אהויז · אונ נאך דעם · אז ער ווערט פאר קנאסין א אשה אונ ער ווערט איר ניט נעמען אבער דיא נארין טוען פאר קערט ערשטין נעמען זייא אפרוייא אונ אז ער פאר מאגט קויפט ער זיך אהויז · אונ ענדע יארין באזארגט ער זיך אמלאכה פון וואנען זיך צוא ערנערין אונ אז ניט נעמט ער פון צדקה · אונ אזוא שטייט אין דער תוכחה · דוא ווערסט פאר קנאסין אפרוייא · דוא ווערסט בויען אשטוב · דוא ווערסט פלאנצין אוויין גארטין · דאס איז פאר אקללה גירעכינט דוא ווערסט טאן אלעם פאר קערט כדי דו זאלסט ניט באגליקין · אונ בייא דיא ברכה שטייט דוד המלך האט אין אלע זיינע וועגין באגליקט אונ גאט ב"ה וואר מיט אים : יב) אמענטש טאר ניט מפקיר זיין אדער מקדיש זיין זיינע גיטער אונ זיך ארויף ווארפין אויף לייטין · אונ ניט צוא פאר קויפין פעלדער אונ צו קויפין הייזער · אונ ניט צוא פאר קויפין אהויז אונ צוא קויפין זאכין · אדער

בדמי ביתו אבל מוכר הוא מטלטלין וקונה לו שדה · כללו של דבר ישים מגמתו להצליח נכסיו ולהחליף הכלה בקיום ולא תהיה כוונתו ליהנות מעט לפי שעה או ליהנות מעט ויפסיד הרבה : יג) משאו ומתנו של תלמיד חכם באמת ובאמונה אומר על לאו לאו ועל הין הין מדקד' על עצמו בחשבון וכשנותן ומוכר מוותר לאחרים וכשיקח מהן לא ידקדק עליהן ונותן דמי המקח לאלתר ואינו נעשה לא ערב ולא קבלן ולא יבא בהרשאה · (נ"א אינו) מחייב עצמו בדברי מקח וממכר במקו' שלא חייבה אותו תורה כדי שיעמוד בדבורו ולא ישנהו ואם נתחייבו לו אחרים בדין מאריך ומוחל להן ומלוה וחונן ולא ירד לתוך אומנות חבירו ולא יצר לאדם לעולם בחייו · כללו של דבר יהיה מן הנרדפים ולא מן הרודפים מן הנעלבים ולא מן העולבים · ואדם שעושה כל המעשים האלו וכיוצא בהן עליו הכתוב אומר (ישעיה מט) ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר :

הַאנְדִיל צוּא מַאכִין מִיט דִיא הוֹיז גֶעלְט · אָבֶּער עֶר מָאג פַאר קוֹיפִין מְטַלְטְלִין אוּנ צוּא קוֹיפִין אַפֶעלְד · דֶער כְּלַל אִיז עֶר מוּז זִיךְ בַּאטְרַאכְטִין נוּר צוּא בַּאגְלִיקִין זַיינֶע גִיטֶער · אוּנ אוּים צוּא בַּייטִין דִיא זַאכִין וָואס הָאט נִיט קַיין קִיוּם אוֹיף אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס הָאט אַקִיוּם · עֶר זָאל נִיט מֵיינֶען הֲנָאָה צוּא הָאבִּין אוֹיף דֶער ווַיילֶע · אוּנ מִיט דִיא קְלֵיינֶע הֲנָאָה וֶועט עֶר פִיל פַארְלִין הָאבִּין : יג) דֶער הַאנְדִיל פוּן ת"ח מוּז זַיין מִיט וַוארְהַייט אוּנ מִיט רִיכְטִיקַייט דֶער יַא וָוארְט זָאל זַיין יַא אוּנ דֶער נֵיין · זָאל זַיין נֵיין · עֶר זָאל גוּט בַּאטְרַאכְטִין דֶעם חֶשְׁבּוֹן · וֶוען עֶר קוֹיפְט זָאל עֶר נִיט שְׁטֵיין וֶוען עֶט וָואס פֶעלְט אוּנ אַז עֶר גִיט אָדֶער עֶר פַאר קוֹיפְט זָאל זַיינֶע עֶט וָואס אִיבֶּער גֵיין · אַז עֶר קוֹיפְט זָאל עֶר גְלַייךְ בַּאצָאלִין · עֶר זָאל נִיט עָרֵב זַיין פַּר קַיינֶעם · נִיט קַיין נֶאֱמָן וֶוערִין עֶר זָאל גִיט זַיין קַיין נַותְרָן זִיךְ צוּא בַּאשׁוּלְדִיגִין וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט נִיט מְחַייֵב גִיוָועזִין כְּדֵי עֶר זָאל קָאנֶען בַּאשְׁטֵיין בַּיי זַיין וָוארְט · אוּנ זָאל נִיט דַארְפִין מְשַׁנֶה זַיין · אוּנ וֶוען עֶס קוּמְט צוּא בֵּית דִין פוּן אַנְדֶערֶע זָאל עֶר וַוארְטִין אוּנ מוֹחֵל זַיין · עֶר זָאל לַייעִן אוּנ חֶסֶד טָאן עֶר זָאל נִיט קוּמֶען אִין דֶעם חַבֵרִים אוּמְנוּת · אוּנ קַיין מֶענְטְשִׁין קַיין בֵּייז טָאן וְויא לַאנְג עֶר לֶעבְּט · דֶער כְּלַל אִיז אַמֶענְטְשׁ מוּז זַיין פוּן דִי בַּאטְרִיבְּטֶע · אוּנ נִיט צוּא בַּאטְרִיבִּין אַנַאנְדֶערִין עֶר זָאל זַיין פוּן דִי

**דרך** בריתו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר ריעיו וחבריו ונוהג כמנהג אנשי מדינתו · לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים לישב אצל החכמי' תמיד כדי שילמוד ממעשיהם ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחושך כדי שלא ילמוד ממעשיהם · הוא ששלמה אומר (משלי יג) הולך את חכמים יחכם ורועה כסילים ירוע · ואומר (תהלים א) אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים וגו' · וכן אם היה במדינה שמנהגותיה רעים ואין אנשיה הולכים בדרך ישרה ילך למקום שאנשיה צדיקים ונוהגים בדרך טובים ואם היו המדינות שהוא יודעם ושומע שמועתן נוהגים בדרך לא טובה או שאינו יכול ללכת למדינה שמנהגותיה טובים מפני הגייסות או מפני החולי ישב לבדו יחידי כענין שנאמר (איכה ג') ישב בדד וידום · ואם היו רעים וחטאים שאינן מניחים אותו לישב

פַאר שֶׁעמֶטֶע אוּנ נִיט צוּא פַאר שֶׁעמֶען אַנַאנְדֶערִין · אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פִירְט זִיךְ דֶעם שְׁטֵייגֶער אוּנ דָאס גְלַייכִין · אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק גָאט הָאט צוּא מִיר גִיזָאגְט דוּא בִּיזְט מַיין קְנֶעכְט מִיט דִיר טוּהֶע אִיךְ מִיר בַּארִימָען :

**פרק ו** דֶער גִיוֵוינְטְלִיךְ פוּן מֶענְטְשִׁין עֶר צִיט זִיךְ מִיט זַיין שֵׂכֶל אוּנ מַעֲשִׂים וִויא זַיינֶע חֲבֵרִים פִירִין זִיךְ · אוּנ וִויא דֶער מִנְהַג הַמְדִינָה דְרוּם מוּז דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מְחַבֵּר זַיין מִיט צַדִיקִים אוּנ צוּא זִיצִין בַּייא חֲכָמִים שְׁטֶענְדִיג כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ אָפּ לֶערְנֶען פוּן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים · אוּנ דֶער וַוייטֶערִין זִיךְ פוּן רְשָׁעִים וָואס גֵייעֶן אִין דֶר פִינְצְטֶר כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִיט אָפּ לֶערְנֶען פוּן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּנ דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ דֶער וָואס גֵייט מִיט חֲכָמִים וֶועט קְלוּג וֶוערִין · אוּנ דֶער וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ מִיט רְשָׁעִים דֶער וֶוערְט צוּא בְּרָאכִין · אוּנ דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט וואוֹל אִיז דֶעם מֶענְטְשִׁין אֲשֶׁר וָואס עֶר גֵייט נִיט מִיט דִי רְשָׁעִים · אוּנ וֶוען עֶר אִיז אִין אַזַא מְדִינָה וָואס זֵייא פִירִין זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת · זָאל עֶר פוּן דָארְטִין אָפּ טְרֶעטִין אִין אַנַאנְדֶער מְדִינָה וָואס דָארְטִין זַיינֶען צַדִיקִים אוּנ פִירִין זִיךְ מִיט גוּטֶע מִדוֹת · אוּנ וֶוען עֶר הֶערְט אַז דִיא אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת זַיינֶען אוֹיךְ נִיט גוּט · אָדֶער עֶר קֶען דָארְטִין נִיט קוּמֶען דִיא וֶועג אִיז סַכָּנָה וֶועג אָדֶער עֶר אִיז קְרַאנְק · זָאל עֶר זִיצִין אַלֵיין

במדינה אא"כ נתערב . עמהן ונוהג כמנהגם הרע יצא למערות ולחוחים ולמדבריות ואל ינהיג עצמו בדרך חטאים כענין שנאמר (ירמיה ט) מי יתנני במדבר מלון אורחים : ב) מצות עשה להדבק בחכמים ותלמידיהם כדי ללמוד ממעשיהם כענין שנאמר (דברים י) ובו תדבק וכי אפשר לאדם להדבק בשכינה אלא כך אמרו חכמים בפי' מצוה זו הדבק בחכמים ותלמידיהם · לפיכך צריך אדם להשתדל שישא בת תלמיד חכם וישיא בתו לת"ח ולאכול ולשתות עם ת"ח ולעשות פרקמטיא לת"ח ולהתחבר להן בכל מיני חבור שנאמר (שם יא) ולדבקה בו · וכן צוו חכמים ואמרו והוי מתאבק בעפר רגליהם והוי שותה בצמא את דבריהם : ג) מצוה על כל אדם לאהוב את כל אחד וא' מבני אדם כגופו שנאמר (ויקרא יט) ואהבת לרעך

וויא דער פסוק זאגט ער זאל זיצין אליין אונ שווייגין · אונ ווען דיא מדינה מענטשין זיינען רשעים אונ לאזין אים ניט זיצין ביז ער מוז זיך מחבר זיין צו זיי אונ פירין זיך ווי דר מנהג המדינה איז זאל ער אנטלופין צוא זיצין אין היילין אונ צוא ווישין דערנער אונ וועלדער · נור ניט צוא פירין זיך וויא זייערע שלעכטע מנהגים · וויא דער פסוק זאגט ווער וואלט מיר געבין אין וואלד דארטין צוא נעכטיגין : ב) אמצות עשה איז צוא באהעפטין זיך צוא חכמים אונ צוא זייערע תלמידים כדי מען זאל זיך אפ לערנען פון זייערע מעשים וויא עם שטייט אין פסוק אן אים זאלשט דוא זיך באהעפטין איז דאך דיא קשיא-וויא קען מען זיך באהעפטין אן דעם בורא נור אזוא האבין אונז דיא חכמים באשיירט דעם פירוש פון דיא מצוה דוא זאלסט זיך באהעפטין צוא דיא חכמים אונ דיא תלמידים · דערום מוז דער מענטש זעהען צוא באקומען איין בת תלמיד חכם פאר אווייב אונ זאל געבין זיין טאכטער צוא את"ח אונ צוא עסין אונ טרינקען מיט את"ח אונ צוא האנדלען מיט את"ח אונ צוא באהעפטין זיך וואס מעגליך איז אין אלע אופנים צום ת"ח ווארום אין פסוק שטייט ולדבקה בו דוא זאלסט זיך באהעפטין צוא אים אונ אזוא האבין אונז דיא חכמים פאר זאגט דוא זאלסט זיך וועלגערין אין שטוב פון זייערע פים אונ דוא זאלסט טרינקען מיט דארשט זייערע רייד · ג) דיא מצוה איז אויף יעדערין מענטש · צו ליבין יעדערין גלייך וויא זיך וויא דער פסוק זאגט דוא זאלסט ליבין דיין

כמוך · לפיכך צריך לספר בשבחו ולחוס על ממונו כאשר הוא חס על ממון עצמו ורוצה בכבוד עצמו והמתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעולם הבא : ד) אהבת הגר שתי מצות עשה · א' ואהבת לרעך כמוך וא' מפני שהתורה אמרה (דברים י) ואהבתם את הגר · צוה על אהבת הגר כמו שצוה על אהבת שמו שנ' (שם ו) ואהבת את ה' אלהיך · הקב"ה עצמו אוהב גרים שנא' (שם י) ואוהב גר : ה) כל השונא א' מבני אדם בלבו עובר בלא תעשה שנ' (ויקרא יט) לא תשנא את אחיך בלבבך ולא היו לוקין על לאו זה לפי שאין בו מעשה ולא הזהירה תורה אלא על שנאה שבלב אבל המכה את חבירו והמחרפו אע"פ שאינו רשאי אינו עובר משום לא תשנא : ו) כשיחטא איש לאיש לא ישטמנו וישתוק כמו שנ' ברשעים (ש"ב יג) ולא דבר אבשלום את אמנון מאומה למרע ועד טוב כי שנא אבשלום את

חבר וויא זיך אליין · דערום מוז ער דער ציילין דיא לויב פון יעדערן מענטש אונ הס האבין אויף יענעמס געלט · גלייך וויא אויף אייגענע אונ הס האבין אויף יענעמס כבוד · אונ דר וואס עהרט זיך מיט דעם חאבערם שאנד פאר שפילט ער עולם הבא : ד) צוא ליבין א גר איז צווייא מצות עשה איינע דוא זאלסט ליבין דעם חבר וויא זיך אליין דיא צווייטע ווייל דיא תורה האט גיזאגט איר זאלט ליבין דעם גר · האט דיא תורה פאר זאגט מען זאל ליבין דעם גר גלייך וויא מען דארף ליבין גאטס נאמען וויא דער פסוק זאגט דוא זאלסט ליבין גאט דיין גאט · ווארום גאט ב"ה ליבט אויך דעם גר עס שטייט איך ליב דעם גר : ה) דער וואס האט פיינט איינעם אין זיין הארץ איז ער עובר א לא תעשה · אין פסוק שרייבט דוא זאלסט ניט פיינט האבין דיין ברודער אין הארצין · נור קיין מלקות קומט ניט אויף דעם לאו ווארום עס איז ניט דא קיין מעשה · אונ דיא תורה האט ניט פאר זאגט מער ניט וויא אויף שנאה אין הארצין · אבער אז איינער שלאגט דעם חבר אדער ער איז אים מבזה · הגם מען טאר ניט אבער ער איז ניט עובר אויף דעם לאו דוא זאלסט ניט פיינט האבין : ו) ווען איינער פאר קרימט אן דעם אנדערין פון דעסט וועגין זאל ער אים ניט פיינט האבין אונ שווייגין וויא דער פסוק זאגט ביא דיא רשעים אז אבשלום האט ניט גירעט מיט אמנון פון שלעכט ביז גוט · ווארום ער האט איהם

אמנון אלא מצוה עליו להודיעו ולומר לו למה עשית לי כך וכך ולמה חטאת לי כדבר פלוני שנ' (ויקרא יט) הוכיח תוכיח את עמיתך · ואם חזר ובקש ממנו למחול לא יהא המוחל אכזרי שנ' (בראשית כ) ויתפלל אברהם אל האלהים : ז) הרואה חבירו שחטא או שהלך בדרך לא טובה, מצוה להחזירו למוטב ולהודיעו שהוא חוטא על עצמו במעשיו הרעים שנ' (ויקרא יט) הוכח תוכיח את עמיתך · המוכיח את חבירו בין בדברים שבינו לבינו בין בדברים שבינו לבין המקום צריך להוכיחו בינו לבין עצמו ולדבר לו בנחת ובלשון רכה ויודיענו שאינו אומר לו אלא לטובתו להביאו לחיי העוה"ב · אם קיבל ממנו מוטב ואם לאו יוכיחנו פעם שנית ושלישית וכן תמיד חייב אדם להוכיחו עד שיכהו החוטא ויאמר לו איני שומע וכל שאפשר בידו למחות ואינו מוחה הוא נתפש בעון החוטאים כיון שאפשר לו למחות בהם : ח) המוכיח את חבירו תחלה לא ידבר לו קשות

פיינט געהאט אין הארצין · וויא רען ער מוז אים זאגין וואס האסטו דוא מיר גיטאן · ווארום האסטו דוא גיזינדיגט קעגין מיר אין דאס און דאס וויא דער פסוק זאגט דוא זאלסט שטראפין דיין חבר · און ווען דער חבר בעט אים איבער זאל ער ניט זיין קיין אכזר און אים מוחל זיין וויא דער פסוק שרייבט אברהם האט תפלה גיטאן פאר אבימלך : ז) אז איינער זעט אז דער חבר האט גיזינדיגט · אדער ער גייט ניט אין גלייכין וועג איז אמצוה אז ער זאל זעהן אים צוא קערין צוא גוטין און אים זאגין אז ער פאר דארבט זיך מיט זיינע שלעכטע מעשים · ווי דער פסוק זאגט דוא מוזט שטראפין דיין חבר · אז איינער שטראפט דעם חבר הן אויף עבירות וואס ער זינדיגט קעגין חבר אדער אויף עבירות וואס ער זינדיגט קעגין גאט ב"ה · מוז ער אים שטראפין צו ווייסין זיך ניט · פאר מענטשין און בנחת אן כעס ער זאל אים זאגין איך מיין מער ניט פון דיין טובה וועגין דיר צוא ברייננען לעולם הבא · ווען ער הארכט אים דעם ערשטין מאל איז גוט און אז ניט מוז ער אים שטראפין צוויא דרייא מאל ביז דער רשע שלאגט אים און זאגט איך וועל דיר ניט צוא הארכין · דער מענטש וואס קען ווערין מען וועט אים פאלגין און ער ווערט ניט ווערט ער גישטראפט פאר די רשעים ווארום ער האט גיקאנט ווערין זייא : ח) דער וואס שטראפט דעם חבר

זאל

עד שיכלימנו שנאמר ולא תשא עליו חטא · כך אמרו חכמים יכול אתה מוכיחו ופניו משתנות תלמוד לומר ולא תשא עליו חטא · מכאן שאסור לאדם להכלים את חבירו וכ"ש ברבים אע"פ שהמכלים את חבירו אינו לוקה עליו עון גדול הוא · כך אמרו חכמים המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעוה"ב לפיכך צריך אדם להזהר שלא לבייש חבירו ברבים בין גדול בין קטן ולא יקרא לו בשם שהוא בוש ממנו ולא יספר לפניו דבר שהוא בוש ממנו · במה דברים אמורים בדברים שבין אדם לחבירו אבל בדברי שמים אם לא חזר בו בסתר מוכיחין אותו ברבים עד שיחזור למוטב כמו שעשו כל הנביאים בישראל: ט) מי שחטא עליו חבירו ולא רצה להוכיחו ולא לדבר לו כלום מפני שהיה החוטא הדיוט ביותר או

זאל ער אים ניט ריידין הארטע רייד אז דורך דעם וועט ער אים גראב זיין וויא דער פסוק זאגט דוא זאלסט ניט טראגין אויף אים אזינד · אונ דיא חכמים זאגין איך וואלט מיינען דוא זאלסט אים אזוא לאנג שטראפין ער זאל דיר גראב זיין זאגט דער פסוק דוא זאלסט ניט מאכין טראגין אויף אים אזינד · דר פון איז גידרונגען אז מען טאר דעם חבר ניט מבייש זיין · אונ פשיטא צוא וויסין פיל מענטשין הגם פאר דעם קומט ניט קיין מלקות אבער עס איז אגרויסע עבירה אזו האבין אונז דיא חכמים פאר זאגט דער מענטש וואס איז מבייש דעם חבר דער האט ניט קיין עולם הבא דערום דארף דער מענטש זייער זיין אפ גיהיט ניט צוא פאר שעמען דעם חבר פאר פיל מענטשין הן אגרויסין אדער אקליינעם · ער זאל אים ניט רופין מיט אנאמען וואס ער שעמט זיך מיט דעם נאמען · אונ אויך ער זאל אים ניט דער ציילין אמעשה וואס ער שעמט זיך מיט דאס · דאס איז גירעט אז מען ברויך ניט צו שטראפין פאר מענטשין · נור אויף אזעלכע עבירות וואס צוא וויסין איינעם אונ דעם אנדערין · אבער אויף עבירות וואס מען זינדיגט קעגין גאט ב"ה אז מען שטראפט אים אז קיינער הערט ניט דען פאלגט ער אים ניט אונ טוט ווייטער מוז ער אים שטראפין פאר לייטין ביז ער קערט זיך אפ פון דיא שלעכטע וועג וויא אונזערע נביאים האבין גישטראפט כל ישראל: ט) אז איינער זינדיגט קעגין חבר · אונ ער וויל אים ניט שטראפין אונ ניט ריידין מיט אים · נור אין הארצין איז ער אים מוחל אונ טראגט

ניט

שהיתה דעתו משובשת ומחל לו בלבו ולא שטמו ולא הוכיחו הרי זה מדת חסידות ולא הקפידה תורה אלא על המשטמה: י) חייב אדם להזהר ביתומין ואלמנות מפני שנפשן שפלה למאד ורוחן נמוכה אע"פ שהן בעלי ממון אפילו אלמנותו של עשיר גדול ויתומיו מוזהרין אנו עליהן שנאמר (שמות כב) כל אלמנה ויתום לא תענון· והאיך נוהגין עמהן לא ידבר אליהם אלא רכות וינהוג בהן מנהג כבוד ולא יכאיב גופם בעבודת פרך ולבם בדברים קשים ויחוס על ממונם יותר מממון עצמו· וכל המקניטן או מכעיסן או הכאיב לבן או רדה בהן או אבד ממונן הרי זה עובר בלא תעשה וכל שכן המכה אותן או המקללן ולאו זה אע"פ שלא היו לוקין עליו הרי ענשו מפורש בתורה (שם) וחרה אפי והרגתי אתכם בחרב· ברית כרותה להן ממי שאמר והיה העולם שכל זמן שהם צועקים מחמס הם נענים שנאמר (שם) כי אם צעוק יצעק אלי שמוע אשמע צעקתו

ניט אויף אים קיין שנאה נור ער שטראפט אים ניט דאס איז די מדה פון חסידים ווארום די תורה האט נור פאר זאגט אויף שנאה אין הארצן;
י) מען מוז זיך שטארק אפ היטין פון עוולעס צוא טאן יתומים ואלמנות ווארום זייא זייען פאר טרויערטע זיילער אונ נידעריגע געמיט· אפילו וען דיא יתומים זיינען רייך· אונ דיא אלמנות זיינען נאך געבליבין פון רייכע מענער איז מען אויך פאר זאגט דיא געמליכע ווארום אין פסוק שטייט קיין ווית פרויא אונ איתום זאלט איר ניט פייניגין· אונ וויא פירמ מען זיך מיט זייא· מען זאל ריידין מיט זייא נור ווייכע רייד· מען זאל זייא עהרין מען זאל זייא ניט באשווערין מיט שווער ארבעט אונ דיא הערצער מיט הארטע רייד· מען זאל אויף זייער געלט חס האבין מער ווייא אויף אייגענע אונ דער וואס ערצארינט זייא אונ קריגט מיט זייא· אדער ער קריינגט זייא אין הארצין· אדער ער באשווערט זייא אונ מאכט זייא שאדין אין געלט איז ער עובר אויף אלא תעשה אונ פשיטא דער וואס שלאגט זייא אונ שילט זייא הגם קיין מלקות קומט ניט אבער דער עונש איז גאנץ גרויס אין דער תורה עס שטייט איך וועל גרימען מיין כעס איך וועל אייך הארגענען מיטין שווערד דאס איז אפאר זיכערונג פון דעם וואס האט באשאפין דיא וועלט אז דיא יתומים ואלמנות שרייען פון וועגין מען רויבט זייא וועל איך צוא הערין

וייער

בד"א בזמן שעינה אותן לצורך עצמו. אבל יסר אותן הרב כדי ללמדן תורה או אומנות או להוליכן בדרך ישרה הרי זה מותר ואף על פי כן לא ינהוג בהן מנהג כל אדם אלא יעשה להם הפרש וינהלם בנחת וברחמים גדולים וכבוד שנאמר (משלי כב) כי ה' יריב ריבם · אחד יתום מאב ואחד יתום מאם ועד אימתי נקראים יתומים לענין זה עד שלא יהיו צריכין לאדם גדול להסמך עליו ולאמנן ולהטפל בהן אלא יהיה עושה כל צרכי עצמו לעצמו כשאר כל הגדולים :

# פרק ז

**ההולך** רכיל עובר בל"ת שנאמר (ויקרא יט) לא תלך רכיל בעמך ואע"פ שלא היו לוקין על דבר זה עון גדול הוא :

ב) איזהו רכיל זה שטוען דברים והולך מזה לזה ואומר כך סיפר פלוני כך וכך שמעתי על פלוני אף על פי שהוא אמת הרי זה מחריב את העולם · יש עון גדול מזה עד מאד והוא בכלל לאו

זייער געשריי וויא אין פסוק שטייט אז דער יתום ווערט שרייען וועל איך צוא הערין זיין געשריי · אונ ווען רעט דאס אז מען פייניגט זיי פון אייגענעם ווילן אבער אז ארבי שלאגט כדי צוא לערנען זייא תורה אונ זייא צוא פירין אין גלייכין וועג דאס איז מותר אונ אויך מיט זיי טוז מען זיך פירין וואס אנדערש נור מיט רחמנות אונ באלאנגזאם אונ מיט כבוד · ווארום דער פסוק שרייבט גאט טוט קריגין זייער קריג · הן דער יתום איז פון פאטערס האלב · אדער פון מוטערס האלב · אונ וויא לאנג רופען זיך יתומים ביז זייא ברויכען שוין ניט קיין גרויסין מענטש וואס זאלט פיר זייא זארגען אונ האנדלען זיי האנדלען גלייך וויא אלע גרויסע מענטשין :

פרק ז דער וואס טרייבט רכילות איז ער עובר אויף א לא תעשה אין פסוק שטייט דוא זאלסט ניט טרייבין קיין רכילות צו וויסין דיין פאלג אויך ווען מען שלאגט ניט קיין מלקות אבער דיא זינד איז זייער גרויס : ב) וויא הייסט רכילות אז ער הערט וואס פון דעם אנדערין ריידין אויף זיין חבר אונ ער גייט אונ דער ציילט אים אפ אז אזו האט יענער אויף דיר גירעט הגם עס איז אמת אבער דער מאכט חרוב דיא

וועלט

זה והוא להר״ר והוא המספר בגנות חבירו שיש בו · אבל האומר שקר נקרא מוציא שם רע על חבירו · אבל בעל לה״ר זה שיושב ואומר כך וכך עשה פלוני כך וכך היו אבותיו וכך וכך שמעתי עליו ואמר דברים של גנאי ע״ז אמר הכתוב (תהלים יב) יכרת ה׳ כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולו׳ : ג) אמרו חכמים על עבירות שנפרעין מן האדם בעוה״ז ואין לו חלק לעוה״ב לשון הרע כנגד כולם · ועוד אמרו חכמים כל המספר בלשון הרע כאלו כפר בעיקר שנאמר (שם) אשר אמרו ללשוננו נגביר שפתינו אתנו מי אדון לנו · ועוד אמרו חכמים שלשה לשון הרע הורגת האומרו והמקבלו וזה שנאמר עליו : ד) ויש דברים שהוא אבק לה״ר כיצד מי יאמר לפלוני שיהיה כמות שהוא עתה · או שיאמר שתקו מפלוני איני רוצה להודיע מה אירע מה היה וכיוצא בדברים האלו וכל המספר בטובת חבירו בפני

וֶועלְט · עֶס אִיז נָאךְ אַהַארְבֶּערֶע עֲבֵירָה פַאר הַאנְדִין אַז מֶען רֶעט לָשׁוֹן הָרָע · עֶר דֶער צֵיילְט אוֹיפִין חָבֵר שְׁלֶעכְטֶע רֵייד הַגַם עֶס אִיז אֶמֶת אָבֶּער דֶער וָואס רֶעט שֶׁקֶר וֶוערְט עֶר אָן גִירוּפִין עֶר צִיט אַרוֹיס אַשְׁלֶעכְטִין שֵׁם אוֹיף דֶעם חָבֵר · אָבֶּער דֶער וָואס רֶעט א נ זאגְט אַזוֹי אוּנ אַזוֹי הָאט יֶענֶער גִיטָאן אוּנ אַזוֹי זַיינֶען גִיוֶועזִין זַיינֶע עֶלְטֶערִין אוּנ רֶעט אוֹיף זַייא שֶׁענְדְלִיכֶע רֵייד אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק · גָאט וֶוערְט פַאר שְׁנַיידִין אַלֶע דִי וָואס רֵיידִין גְלַאטֶע רֵייד · דֶעם צוּנְג וָואס רֶעט גְרוֹיסֶע זַאכִין : ג) דִיא חֲכָמִים הָאבִּין גֶעזָאגְט פִיל עֲבֵירוֹת אִיז פַאר הַאנְדִין וָואס מֶען שְׁטְרָאפְט אוֹיף זַייא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ עֶר הָאט נִיט קַיין עוֹלָם הַבָּא אָבֶּער לָשׁוֹן הָרָע וֶועגְט אִיבֶּער אַלֶעם אוּנ אַזוֹי הָאבִּין דִיא חֲכָמִים גִיזָאגְט דֶער וָואס דֶער צֵיילְט לָשׁוֹן הָרָע אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט לֵייקֶענֶען אָן גָאט ב״ה דֶער פָּסוּק זָאגְט דִיא רְשָׁעִים זָאגִין מִיט אוּנְזֶער לָשׁוֹן וֶועלִין מִיר זִיךְ שְׁטַארְקִין וֶוער קֶען זַיין אִיבֶּער אוּנְז אַהַאר אוּנ וִוידֶער הָאבִּין אוּנְז דִיא חֲכָמִים גִיזָאגְט לָשׁוֹן הָרָע הַארְגֶעט דְרַייא מֶענְטְשִׁין דֶער וָואס זָאגְט אוּנ אוֹיף וֶועמֶען אוּנ דֶער וָואס אִיז מְקַבֵּל דִיא לָשׁוֹן הָרָע : ד) עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין לָשׁוֹן הָרָע וָואס רוּפְט זִיךְ דִיא שְׁטוֹיבּ פוּן לָשׁוֹן הָרָע דְהַיְינוּ עֶר זָאגְט אוֹיף אֵיינֶעם וֶוער וָואלְט גְלוֹיבִּין אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַזוֹי גוּט אוֹיס גִיטִינִין · אָדֶר שְׁלֶעכְט · אָדֶער עֶר זָאגְט פַיינֶער לִיבֶּערְסְט שְׁוַויינְט פוּן יֶענֶעם אִיךְ וִויל נִיט זָאגִין וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזִין אָדֶער דָאס גְלַייכִין ·

שונאיו ה"ז אבק לה"ר שזה גורם להם שיספרו בגנותו · ועל זה הענין אמר שלמה (משלי טו) מברך רעהו בקול גדול בבוקר השכם קללה תחשב לו שמתוך טובתו בא לידי רעתו · וכן המספר בלשון הרע דרך שחוק ודרך קלות ראש כלומר שאינו מדבר בשנאה · הוא ששלמה אמר בחכמתו (שם כו) כמתלהלה הירה זקים חצים ומות וגומר ואמר הלא משחק אני · וכן המספר לשון הרע דרך רמאות והוא שיספר לתומו כאלו אינו יודע שדבר זה שדיבר לשון הרע הוא או שאלו מעשיו של פלוני : ה) אחד המספר בלשון הרע בפני חבירו או שלא בפניו להצר לו או להפחידו ה"ז לשון הרע ואם נאמרו דברי' אלו בפני ג' כבר נשמע הדבר ונודע · ואם סיפר הדבר א' מן השלשה פעם אחרת אין בו משום לשון הרע והוא שלא יתכוין להעביר הקול ולגלות יותר : ו) כל אלו הם בעלי לשון הרע ואין לשמוע דבריהם · ולא נחתם גזר דין על אבותינו במדבר אלא על לשה"ר

אָדֶער עֶר לוֹבְּט אַ מֶענְטְשִׁין פַאר זַיינֶע שׂוֹנְאִים דָאס אִיז אוֹיךְ דִיא שְׁטוֹיבּ פוּן לָשׁוֹן הָרָע · וָוארוּם דָאס בְּרֵיינְגְט אַז דִיא שׂוֹנְאִים וֶועלִין אוֹיף אִים רֵיידִין דַוְוקָא שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף דֶעם הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גִיזָאגְט אִין מִשְׁלֵי אַז מֶען לוֹבְּט דֶעם חַבֵר מִיט אַ גְרוֹיסִין שְׁטִים אוּנ דָאס מָארְגֶענְס וֶועסְט דוּא הֶערִין אוֹיף אִים אַנְדֶערְס דֶער צֵיילִין · אִיז דַאן פוּן זַיין טוֹבָה אַרוֹיס גִיקוּמֶען פַאר אִים אַרָעה · אוּנ אַז אֵיינֶער רֶעט לָשׁוֹן הָרָע דוּרְךְ גִילֶעכְטֶער אָדֶער פוּן גְלַייךְ וֶוערְטְלַאךְ אָן שִׂנְאָה זָאגְט אוֹיךְ שְׁלֹמֹה דֶער וָואס וַוארְפְט דֶעם פַייל אוּנ שִׁיסְט דֶעם חַבֵר אוּנ זָאגְט אִיךְ מֵיין נָאר צוּ שְׁפִּילִין · אָדֶער אֵיינֶער רֶעט לָשׁוֹן הָרָע מִיט רַמָאוּת עֶר דֶער צֵיילְט גְלַאט אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין אוּנ מַאכְט זִיךְ נִיט וִויסִין דַוְוקָא אַז עֶר מֵיינְט יֶענֶעם · נָאר עֶר דֶער מָאנְט זַיינֶע מַעֲשִׂים עֶר זָאל פַאר שְׁטֵיין : ה) הֵן אַז עֶר רֶעט לָשׁוֹן הָרָע דֶעם חַבֵר אִין דִיא אוֹיגִין · אָדֶער הִינְטֶער דִיא אוֹיגִין עֶם צוּ שְׁרֶעקִין אָדֶר צוּ עֶרְגֶערִין דָאס אִיז רֶעכְטֶע לָשׁוֹן הָרָע · אוּנ אַז עֶר דֶער צֵיילְט פַאר דְרַייעֶן אִיז גְלַייךְ וִויא אִים זָעלְבְּסְט אוּנ אַז אֵיינֶער פוּן דִי דְרַיי מֶענְטְשִׁין הָאט נָאךְ דֶער צֵיילְט דִיא לָשׁוֹן הָרָע · הֵייסְט דָאס שׁוֹין נִיט קֵיין לָשׁוֹן הָרָע נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט נִיט-כְּדֵי עֶס זָאל דֶער וואוּסְט וֶוערִין פַאר אַלֶעמֶען : ו) דִיא אַלֶע זַאבִּין דִיא רֵיידֶער זַיינֶען בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע · מֶען בְּרוֹיךְ נִיט צוּא הֶערִין פוּן זַייא עֶס אִיז נִיט גֶעחַתְמֶעט גֶעוָוארִין דֶר גְזַר

בלבד : ז) הנוקם מחבירו עובר בלא תעשה שנאמר (ויקרא יט) לא תקום ואף על פי שלא היו לוקין עליו דעה רעה הוא עד מאד · אלא ראוי לו לאדם להיות מעביר (על מדותיו) על כל דברי העולם הזה שהכל אצל המבינים דברי הבל והבאי ואינן כדאי לנקום עליהם · כיצד היא הנקימה אמר לו חבירו השאילני מגלך אמר לו איני משאילך למחר נצרך לשאול ממנו א"ל השאילני קרדומך אמר לו איני משאילך כדרך שלא השאלתני כששאלתי ממך ה"ז נוקם · אלא כשיבא לו לשאול יתן בלב שלם ולא יגמול לו כאשר גמלו וכן כל כיוצא באלו · וכן אמר דוד בדעותיו הטובות (תהלים ז) אם גמלתי שולמי רע ואחלצה וגו' : ח) וכן כל הנוטר עובר בל"ת שנ' (ויקרא יט) ולא תטור כיצד היא הנטירה ראובן שאמר לשמעון שכור לי בית זה או השאילני שור זה ולא רצה שמעון · לימים נצרך שמעון לראובן לשאול ממנו או לשכור ממנו וא"ל ראובן הא לך

דִין אויף אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אִין דֶער מִדְבָּר נוּר אִיבֶּער לָשׁוֹן הָרָע אַלֵיין : ז) דֶער וָואס רֶעכִינְט זִיךְ אַ נְקָמָה אויף דֶעם חַבֵר אִיז עֶר עוֹבֵר בְּלֹא תַעֲשֶׂה · אִין פְּסוּק שְׁטֵייט דוּא זָאלְסְט קֵיין נְקָמָה טָאן הָגַם קֵיין מַלְקוֹת קוּמְט נִיט אָבֶּער אַשְׁלֶעכְטֶע גְדַאנְקֶען אִיז דָאס זֵייעֶר · דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף גָאר נִיט אַכְטִין אוּנ פַאר אִיבֶּעל צוּא נֶעמֶען וָואס טְרֶעפְט אִים אויף דֶער וֶועלְט · וָואס דָאס אִיז גָאר נִיכְטִי עֶס אִיז נִיט כְּדַאי נוֹקֵם צוּא זַיין זִיךְ אִיבֶּער דִיא וֶועלְט · וָואס הֵייסְט נְקָמָה אַז דֶער חַבֵר בֶּעט אִים לַייעֶן אַ זֶעג גִיט עֶר אִים נִיט אויף מָארְגִין קוּמְט יֶענֶער אוּנ בֶּעט אִים לַייעֶן אַ הַאק טָאר עֶר נִיט זָאגִין אִיךְ וֶועל דִיר נִיט לַייעֶן וַויא דוּא הָאסְט מִיר נִיט גִילַייעֶן דָאס הֵייסְט נְקָמָה׳ וַויא דֶען עֶר מוּז אִים גֶעבִּין מִיט דֶעם גַאנְצִין הַארְצִין עֶר זָאל אִים נִיט אָב צָאלִין וַויא עֶר הָאט מִיט אִים גִיטָאן · אַזוֹ הָאט גִיזָאגְט דָוִד הַמֶלֶךְ הָאבּ אִיךְ דֶען בַּאצָאלְט בֵּייזֶעס דִיא וָואס הָאבִּין מִיר גִיטָאן שְׁלֶעכְטְס : ח) אוּנ וֶוער עֶס הִיט דִיא שִׂנְאָה אִין הַארְצִין אִיז עֶר עוֹבֵר אויף אַ לֹא תַעֲשֶׂה · עֶס שְׁטֵייט דוּא זָאלְסְט נִיט הִיטִין דִיא שִׂנְאָה׳ וָואס הֵייסְט לֹא. תִטוֹר רְאוּבֵן זָאגְט צוּ שִׁמְעוֹן פַאר דִינְג מִיר דַיין שְׁטוּבּ אָדֶער לַייא מִיר דַיין אָקְס · הָאט שִׁמְעוֹן נִיט גִיוָואלְט · אִין אַצַייט אַרוּם דַארְף שִׁמְעוֹן לַייעֶן פוּן רְאוּבֵן אָדֶער דִינְגֶען וָואס פוּן אִים · זָאגְט רְאוּבֵן צוּא שִׁמְעוֹן אִיךְ בִּין

הרי אני משאילך ואיני כמותך לא אשלם לך כמעשיך העושה כזה עובר בלא תטור אלא ימחה הדבר מלבו ולא יזכרנו כלל ׳ וזו היא הדעה הנכונה שאפשר שיתקיים בה ישוב הארץ ומשאם ומתנם של בני אדם זה עם זה :

## הלכות חלק שני תשובה

מצות עשה אחת והיא שישוב החוטא מחטאו לפני ה׳ ויתודה וביאור מצוה זו ועקרים הנגררים עמה בגללה בפרקים אלו :

# פרק א

כל מצוה שבתורה בין עשה ובין לא תעשה אם עבר אדם על אחת מהן בין בזדון בין בשוגג כשיעשה תשובה וישוב מחטאו חייב להתודות לפני האל ברוך הוא שנא׳ (במדבר ה) איש או אשה כי יעשו וגו׳ והתודו את חטאתם אשר עשו זה וידוי דברים

נִיט וִויא דוּ הָאטְשֶׁע דוּא הָאסְט מִיר נִיט גִילִיעֶן אִיךְ לַייא דִיר אִיךְ וֶועל דִיר נִיט אָב צָאלִין ׳ דֶער וָואס טוּט אַזוֹי אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לַאו לֹא תִטּוֹר דוּא טָארְסְט נִיט הִיטִין דִיא שִׂנְאָה אִין הַארְצִין דוּא מוּזְט פוּן הַארְצֶען אַרוֹים נֶעמֶען ׳ אוּנ דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער שֵׂכֶל ׳ דָאס דוּרְךְ דֶעם קֶען אַ קִיוּם הָאבִּין דִיא וֶועלְט ׳ אוּנ אוֹיךְ דִיא גֶעשֶׁעפְטִין צְווִישֶׁען מֶענְטְשִׁין :

## הלכות חלק שני תשובה

עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אַז דֶער חוֹטֵא זָאל תְּשׁוּבָה טָאן צוּם בּוֹרֵא אוּנ עֶר זָאל זִיךְ בַּאקֶענֶען ׳ אוּנ דֶער בַּאדַייטוּנְג פוּן דֶער מִצְוָה וֶוערְט אוֹיס גִירֶעט אִין דֶעם פֶּרֶק :

פרק א אוֹיף אַלֶע מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה הֶן אַ מִצְוֹת עֲשֵׂה ׳ אוּנ הֶן אַ מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה ׳ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז עוֹבֵר אוֹיף זֵייא סַייא ווִילֶענְדִיג אוּנ סַייא אוּם גֶערִין ׳ נָאר אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוּנ קֶערְט זִיךְ אָפּ פוּן דִיא עֲבֵירוֹת מוּז עֶר זִיךְ פַאר דֶעם לִיבֶּען גָאט בַּאקֶענֶען ווִיא דֶער פָּסוּק זָאגְט הֶן אַ פְרוֹיא אָדֶער אַ מַאנְשׁ פַרְשׁוֹין אַז זֵיי וֶועלְן טָאן

שלעכטס

וידוי זה מצות עשה כיצד מתודין אומר אנא השם חטאתי עויתי פשעתי לפניך ועשיתי כך וכך והרי נחמתי ובושתי במעשי ולעולם איני חוזר לדבר זה · וזהו עקרו של וידוי וכל המרבה להתודות ומאריך בענין זה הרי הוא משובח · וכן בעלי חטאות ואשמות בעת שמביאין קרבנותיהן על שגגתן או על זדונן אין מתכפר להן בקרבנם עד שיעשו תשובה ויתודו וידוי דברים שנא׳ (ויקרא ה) והתודה אשר חטא עליה · וכן כל מחויבי מיתות בסנהדרין ומחויבי מלקות לא היה מתכפר להן במיתתן או בלקייתן עד שיעשו תשובה ויתודו וכן החובל בחבירו והמזיק ממונו אף על פי ששילם לו מה שהוא חייב לו אינו מתכפר עד שיתודה וישוב מלעשות כזה לעולם שנאמר (במדבר ה) מכל חטאת האדם : ב) שעיר המשתלח לפי שהוא כפרה

שֶׁלְעֶכְטְס · שְׁטֵייט וַוייטֶער זַייא זָאלִין זִיךְ בַּאקֶענֶען זֵייעֶרֶע זִינְד · אִיז דָאס וִוידוּי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה · וִויא זָאלִין זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין · עֶר זָאל זָאגִין · אִיךְ בֶּעט דִיר גָאט אִיךְ הָאבּ גִיזִינְדִיגְט אוּם גֶערִין · אִיךְ הָאבּ פַאר קְרִימְט אִיךְ הָאבּ גֶערִין גִיזִינְדִיגְט פַאר דִיר אִיךְ הָאבּ גִיטָאן אַזוֹי אוּנ אַזוֹי · אוּנ עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה אוּנ שֶׁעם מִיר מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים · אִיךְ וֶועל שׁוֹין דִיא מַעֲשִׂים מַיינֶעם לֶעבִּין נִיט טָאן דָאס אִיז דֶער גְרוּנְד פוּן וִוידוּי · אוּנ דֶער וָואס פַאר בְּרֵיינְגְט מֶער מִיט רֵייד · זִיךְ צוּא בֶּאקֶענֶען פַאר דֶעם בּוֹרֵא אִיז עֶר טַייעֶר בַּייא דֶעם בּוֹרֵא · אוּנ פַר צַייטִין אַז מֶען פְלֶעגְט צוּא בְּרֵיינְגֶען קָרְבָּנוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיף פַר שֵׁיידְלִיכֶע עֲבֵירוֹת הָאבִּין דִיא קָרְבָּנוֹת נִיט מְכַפֵּר גִיוֶועזִין בִּיז זֵיי הָאבִּין גִימוּזְט זִיךְ צוּם עֶרְסְטִין מִתְוַדֶּה זַיין אוּנ חֲרָטָה הָאבִּין וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט עֶר זָאל זִיךְ בַּאקֶענֶען אוֹיף דִיא עֲבֵירָה וָואס עֶר גִיטָאן הָאט · אוּנ אַזוֹי דִיא מֶענֶער וָואס זֵייא זַיינֶען אָבּ גִירִיכְט פוּן סַנְהֶדְרִין מִתֶה אָדֶער מַלְקוּת זַיינֶען זֵייא אוֹיךְ נִיט מְכוּפָּר גִיוָוארִין מִיט דִיא מִתֶה אָדֶר דִיא מַלְקוּת בִּיז זֵייא הָאבִּין עֶרְשְׁטִין תְּשׁוּבָה גִיטָאן אוּנ מִתְוַדֶּה גִיוֶועזִין זִיךְ · אוּנ אַזוֹ אַז אֵיינֶער טוּט שָׁאדִין דֶעם חַבֵר הֵן דֶעם גוּף · אָדֶר זַיין גֶעלְט הַגַם עֶר הָאט בַּאצָאלְט וָואס עֶר הָאט אִים שָׁאדִין גִיטָאן · וֶוערְט עֶם נִיט פַאר גֶעבִּין · בִּיז עֶר מוּז זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּנ תְּשׁוּבָה טָאן אַז מֶער זָאל עֶר נִיט טָאן אַזוֹי · וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט פוּן אַלֶע זִינְד פוּן מֶענְטְשׁ : ב) דִיא צִיקֶעל וָואס מֶען הָאט אַוֶועק גִישִׁיקְט אִין דֶער מִדְבָּר

ווייל

על כל ישראל כ״ג מתודה עליו על לשון כל ישראל שנ׳ (ויקרא טז) והתודה עליו את עונות בני ישראל · שעיר המשתלח מכפר על כל עבירות שבתורה הקלות והחמורות בין שעבר בזדון בין שעבר בשגגה בין שהודע לו בין שלא הודע לו הכל מתכפר בשעיר המשתלח והוא שעשה תשובה אבל אם לא עשה תשובה אין השעיר מכפר לו אלא על הקלות ומה הן הקלות ומה הן החמורות החמורות הן שהיו חייבין עליהן מיתה בסנהדרין או כרת · ושבועת שוא ושקר אע״פ שאין בהן כרת הרי הן מן החמורות ושאר מצות לא תעשה ומצות עשה שאין בהן כרת הם הקלות: ג) בזה״ז שאין בהמ״ק קיים ואין לנו מזבח כפרה אין שם אלא תשובה׳ · התשובה מכפרת על כל העבירות אפי׳ רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו רשעו שנ׳ (יחזקאל לג) רשע׳ הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו ועצמו

ווייל דאס איז געוועזן פאר א כפרה צו כל ישראל האט דער כהן גדול זיך מתודה געוועזן מיט דעם לשון אויף כל ישראל ווי אין פסוק שטייט ער זאל זיך באקענען אויף דיא זינד פון דיא קינדער ישראל דער ציקעל האט מכפר געוועזן אויף אלע עבירות פון דער תורה שייא גרינגע אונ שייא הארבע עבירות הן ער האט געטאן אום גערן אונ הן ער האט גערין שייא עס איז אים דער וואוסט געווארן אז ער האט געזינדיגט אונ שייא ער האט זיך ניט דר וואוסט איז אלץ פאר געבין געווארין מיטין שעיר המשתלח · אונ ווען אז ער האט געטאן תשובה · אבער אז ער האט קיין תשובה ניט געטאן האט דיא ציקעל ניט מכפר געוועזן נאר אויף גרינגע עבירות · וואס זיינען גרינגע אונ וואס זיינען הארבע עבירות דיא וואס מען איז חייב אויף זייא מיתה בייא סנהדרין אדער כרת · אונ פאלשע שבועות אדער ער שווערט ליגען הגם עס קומט ניט מיתה ווערט דאס גירעכינט פון די הארבע עבירות · אונ אנדרע מצות לא תעשה ומצות עשה וואס אויף דעם קומט ניט קיין כרת דאס זיינען פון דיא גרינגע עבירות: ג) בייא דער צייט אז מיר האבין ניט קיין בית המקדש אונ אויך קיין מזבח צוא פארגעבין אויף אונזערע עבירות באשטייט נאר אויף תשובה · אונ תשובה איז מכפר אויף אלע עבירות אפילו ער איז געוועזן א רשע כל ימיו · אונ צום לעצטין האט ער תשובה געטאן דער מאנט מען אים גאר ניט דיא עבירות וואס ער האט כל

ימיו

של יום הכפורים מכפר לשבים שנאמ' (ויקרא טז) כי ביום הזה יכפר עליכם: ד) אע"פ שהתשובה מכפרת על הכל ועצמו של יוה"כ מכפר יש עבירות שהן מתכפרין לשעתן ויש עבירות שאין מתכפרים אלא לאחר זמן כיצד עבר אדם על מצות עשה שאין בה כרת ועשה תשובה אינו זז משם עד שמוחלין לו ובאלו נאמר (ירמי' ג') שובו בנים שובבים ארפא משובתיכ' וגו' · עבר על מצות לא תעשה שאין בה כרת ולא מיתת סנהדרין ועשה תשובה תשובה תולה ויום הכפורים מכפר ובאלו נאמר (ויקרא טז) כי ביום הזה יכפר עליכם · עבר על כריתות ומיתות סנהדרין ועשה תשובה · תשובה ויוהכ"פ תולין ויסורין הבאין עליו גומרין לו הכפרה · ולעולם אין מתכפר לו כפרה גמורה עד שיבאו עליו יסורין ובאלו נאמ' (תהלים פט) ופקדתי

ימיו · אין פסוק שטייט דיא שלעכטס פון דעם רשע שטייט אים ניט קענין אין דעם טאג אז ער טוט תשובה אונ דער טאג פון יום כפור איז מכפר פאר דיא וואס טוען תשובה וויא דער פסוק זאגט אין דעם זעלביגין טאג וועט ער פאר געבין אויף אייך: ד) חאטשע תשובה איז דאך מכפר אויף אלץ אונ דער טאג יום הכפורים איז אויך מכפר נאר עס איז פאר האנדין אזעלכע עבירות וואס זייא ווערין פאר געבין אין דיא זעלביגע צייט אונ עס איז פאר האנדין וואס זייא ווערין ערשט פאר געבין אין אצייט ארום דהיינו אז א מענטש האט עובר גיוועזין אויף א מצות עשה וואס קומט ניט קיין כרת אונ ער האט תשובה גיטאן ווערט עס פאר געבין אויף דעם שטעל אויף דיא עבירות זאגט ירמיה טוט תשובה איר ווילדע קינדער איך וועל אויס היילין אייערע ווילדיקייט · אז ער האט עובר א מצות לא תעשה וואס עס קומט ניט קיין כרת אונ ניט קיין מיתת סנהדרין אונ ער האט גיטאן תשובה · איז דיא תשובה אב צוא האלטין ביז יום הכפורים אונ יום כפור איז מכפר אויף דיא זאגט דער פסוק אין דעם טאג פון יום כפור וועט ער פר געבין אויף אייך · אז ער האט עובר גיוועזין אזעלכע עבירות וואס קומט כרת אונ מיתה דורך סנהדרין · אונ ער האט גיטאן תשובה איז תשובה מיט יום כפור העלפט אב צוא האלטין ביז עס קומען אויף אים יסורים דיא ענדיגין צוא פאר געבין · אונ אייביג ווערט ער ניט פאר געבין אן יסורים · אויף זייא זאגט דער פסוק איך וועל דער מאנען זייא

אויף

בשבט פשעם וגו' בד"א כשלא חילל את השם בשעה שעבר · אבל המחלל את השם אע"פ שעשה תשובה והגיע יום הכפורים והוא עומד בתשובתו ובאו עליו יסורין אינו מתכפר לו כפרה גמורה עד שימות אלא תשובה ויוה"כ ויסורין שלשתן תולין ומיתה מכפרת שנ' (ישעי' כב) ונגלה באזני ה' צבאות וגו' אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון :

# פרק שני

**א׳** זו תשובה גמורה זה שבא בידו דבר שעבר בו ואפשר בידו לעשותו ופירש ולא עשה מפני התשובה ולא מיראה ולא מכשלון כח כיצד הרי שעבר ולאחר זמן בא מעשה לידו והוא עומד בהשקו ובכח גופו ובמדינה שעבר בה ופירש ולא עבר זהו בעל

אויף זייערע עֲבֵירות מיט דיא שְׁטְרָאף רוט · אונ ווען איז דאס אז קומט ניט דורך דיא עֲבֵירות ארויס א חִילוּל הַשֵּׁם · אָבֶער אז פון דיא עֲבֵירָה איז א חִילוּל הַשֵּׁם אֲפִילוּ ווען ער האט גיטאן תְּשׁוּבָה אונ עס איז גיקומען יום כִּפּוּר אונ ער איז נאך בייא דער תְּשׁוּבָה · אונ יְסוּרִים איז אויך גיקומען אויף אים העלפט קיין זאך ניט אים מְכַפֵּר צוא זיין ביז ער שטארבט אונ תְּשׁוּבָה אונ יום כִּפּוּר אונ יְסוּרִים היינגט אב אים ניט צו באשטראפין אונ מִיתָה איז מְכַפֵּר ווארום דער פָּסוּק זאגט גאט האט געזאגט צוא יְשַׁעְיָה דאס שווער איך אוב עס ווערט פַר געבין ווערין די עֲבֵירָה ביז איהר ווערט שטארבין :

פרק ב וואס ווערט אן גירופין אריכטיגע תְּשׁוּבָה איז אזוא אז עס קומט צוא זיין האנט איין עֲבֵירָה וואס ער האט שוין אויף איר איין מאל עובר גיוועזן אונד ער קאן נאך יעצט אויך אויף איר עובר זיין ער איז נאך בייא פאלן קראפט אונ ער שטייט אפ פון איר אונ ער טוט איר ניט ווייל ער וויל תְּשׁוּבָה טאן אָבֶער ניט ווייל ער האט מורא איר צו טאן אדער ער האט קיין קרעפטן איר ניט צוא טאן דהיינו ער האט עובר גיוועזן אויף איין עֲבֵירָה אונ נאכהער איז גיקומען ווייטער די זעלבע עֲבֵירָה צו זיין האנד אונ ער איז נאך אין זיין גילוסטיקייט אונ אין זיין שטארקייט אונ אין דיא זעלבע מְדִינָה וואו ער האט עובר גיוועזן אונ ער האט זיך אפ גישייד אונ ער האט

תשובה גמורה הוא ששלמה אמר (קהלת י"ב) וזכור את בוראיך בימי בחורותיך · ואם לא שב אלא בימי זקנותו ובעת שאי אפשר לו לעשות מה שהיה עושה אע"פ שאינה תשובה מעולה מועלת היא לו ובעל תשובה הוא אפילו עבר כל ימיו ועשה תשובה ביום מיתתו ומת בתשובתו כל עונותיו נמחלין שנאמר (שם) עד אשר לא תחשך השמש והאור והירח והכוכבים ושבו העבים אחר הגשם · שהוא יום המיתה מכלל שאם זכר בוראו ושב קודם שימות נסלח לו :

ב) ומה היא התשובה הוא שיעזוב החוטא חטאו ויסירנו ממחשבתו ויגמר בלבו שלא יעשהו עוד שנאמר (ישעיה נה) יעזוב רשע דרכו וכן יתנחם על שעבר שנאמר (ירמיה לא) כי אחרי שובי נחמתי וגו'

ניט גיטאן דיא עבירה ווערט ער אן גירופן אריכטיגער בעל תשובה אונ דאס זעלבע זאגט אונז שלמה המלך ע"ה אונ דער מאן זיך אן דיין באשעפער אין דיא טעג פון דיין יוגינד אונ אויב ער האט קיין תשובה גיטאן אין דער יוגינד נאר אז ער איז שוין אלט גיווארין אונ ער קען שוין בלויז מער קיין עבירות ניט טאן איז אפילו דיא תשובה איז ניט קיין גוטע פון דעסט וועגין העלפט אים דיא תשובה אונ ער ווערט אן גירופין איין בעל תשובה אפילו ער האט כל ימיו גיטאן אסך עבירות אונ ער האט גיטאן תשובה אין דעם טאג פון זיין טויט אונ ער איז גישטארבין אין זיין תשובה ווערט אים פאר געבין אלע זיינע עבירות וואס ער האט גיטאן דען אזוא זאגט אונז שלמה המע"ה מען זאל תשובה טאן איידער עס ווערט פינסטער די זון אונ איידער עס ווערט פינסטער דיא ליכטקייט אונ דיא לבנה אונ דיא שטערין אונ זיי וועלין זיך אום קערין דיא וואלקין נאכין רעגין דאס מיינט מען איידער מען וועט שטארבין דער פון קען מען זיך ארויס נעמען אז מען טוט תשובה איידער מען שטארבט ווערט אים פאר געבין זיינע אלע עבירות :

ב) אונ וויא זאל מען תשובה טאן · ער זאל אוועק לאזין זיינע עבירות פון זיך אונ זאל גאר מער אין גידאנקען ניט האבין אונ זאל ביי אים בלייבין אין הארצין דאס ער וועט שוין מער ניט טאן די עבירות דען אזוא זאגט אונז ישעיה הנביא דער רשע זאל אוועק לאזין זיינע שלעכטע וועגין אונ דען זאל ער חרטה האבין מיטין גאנצין הארצין פאר וואס ער האט דאס גיטאן אזוא וויא ירמיהו זאגט אונז ווארום

נאך

ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם שנ' (הושע יד) לא נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו וגו' · וצריך להתוודות בשפתיו ולומר עניינות אלו שגמר בלבו : ג) כל המתודה בדברים ולא גמר בלבו לעזוב הרי זה דומה לטובל ושרץ בידו שאין הטבילה מועלת לו עד שישליך השרץ וכן הוא אומר (משלי כח) ומודה ועוזב ירוחם וצריך לפרוט את החטא שנא' (שמות לב) אנא חטא העם הזה חטאה גדולה : ד) מדרכי התשובה להיות השב צועק תמיד לפני ה' בבכי ובתחנונים ועושה צדקה כפי כחו ומתרחק הרבה מן הדבר שחטא בו ומשנה שמו כלומר אני אחר ואיני אותו האיש שעשה אותן המעשים ומשנה מעשיו כולן לטובה ולדרך ישרה וגולה ממקומו שגלות מכפרת עון מפני שגורמת לו להכנע ולהיות עניו ושפל רוח :

נאך מיין תשובה טאן מוז איך חרטה האבין צוא וואס האב איך גיטאן דיא אלע עבירות אונ גאט ב"ה וואס ווייס אלעמעס הערצער זאל עדות זאגין אויף אים דאס ער וועט שוין קיין מאל ניט מער טאן די עבירות דען אזוא זאגט אונז הושע הנביא מיר וועלין ניט מער זאגין אויף אונזערע ארבייט פון אונזערע הענד אז דאס איז אונזער גאט אונ דען מוז ער דייטליך מיטין מויל אויס ריידין דיא ווידוי וואס ער אין הארצין טראכט : ג) אלע וואס זיינען זיך מתודה מיטין מויל אונ אין הארצין איז ביי זייא ניט גיבליבין גאנץ ריכטיג דאס זייא וועלין שוין ניט מער טאן דיא עבירות איז דאס גלייך אזוא וויא איינער וואס ער זיך טובל אונ ער האלט א שרץ אין דער האנד וואס דיא טבילה קאן אים גאר ניט העלפין ביז ער ווארפט אוועק דעם שרץ אונ אזוא זאגט אונז שלמה המע"ה דער וואס איז זיך מודה אונ ער לאזט אוועק די עבירות ווערט ער דער בארעמט אונ ער מוז אויס ריידין זיינע עבירות וואס ער האט גיטאן דען אזוא שטייט אין פסוק איך בעט דיך גאט דיא פאלק האבין גיזינדיגט אגרויסע זינד : ד) דער שטייגער פון תשובה מוז זיין דאס דר בעל תשובה מוז שרייען אונ וויינען פאר גאט שטענדיג מיט גיוויין אונ מיט גיבעט · אונ ער מוז געבין פיל צדקה אונ מוז זיך זייער פיל דר ווייטערין פון דיא זעלבע זאך וואס ער האט דיא עבירה גיטאן אונ מוז פאר ענדערין זיין נאמען אונ זיינע שלעכטע מעשים דאס ער זאל גאר ניט זיין דער זעלביגער מענטש וואס האט גיטאן דיא אלע שלעכטע

מעשים

ה) ושבח גדול לשב שיתודה ברבים ויודיע פשעיו להם ומגלה עבירות שבינו לבין חבירו לאחרים ואומר להם אמנם חטאתי לפלוני ועשיתי לו כך וכך והריני היום שב ומתנחם וכל המתגאה ואינו מודיע אלא מכסה פשעיו אין תשובתו גמורה שנאמר (משלי כח) מכסה פשעיו לא יצליח בד"א בעבירות שבין אדם לחבירו אבל בעבירות שבין אדם למקום אינו צריך לפרסם עצמו אלא שב לפני האל ברוך הוא ופורט חטאיו לפניו ומתודה עליהם לפני רבים סתם וטובה הוא לו שלא נתגלה עונו שנאמר (תהלים לב) אשרי נשוי פשע כסוי חטאה:
ו) . אף ע"פ שהתשובה והצעקה יפה לעולם בעשרת הימים שבין ראש השנה ויום הכפורים היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד שנאמר (ישעיה נה) דרשו ה' בהמצאו · במה דברים אמורים ביחיד אבל צבור

מעשים אונ מוז גיין גלות אפ ריכטין וואררום גלות פאר גיט אלע עבירות וייל דאס ברייגגט דאס ער זאל איין נכנע ווערין אונ ער זאל זיין איין גרויסער עניו : ח) אונ זייער גילויבט איז דער מענטש וואס ער איז זיך מתודה פאר פיל מענטשין אויף דיא עבירות וואס ער האט גיטאן צו דעם אנדערין חבר זיינעם אונ ער זאגט צוא זייא עס איז וואהר איך האב גיזינדיגט צוא יענעם אונ אזוא אונ אזוא האב איך גיטאן אים אונ יעצט האב איך זייער חרטה דערויף אונ דער וואס האלט זיך גרוים אונ דעקט צוא זיינע זינד אונ זאגט זייא קיין איינעם ניט אוים איז זיין תשובה ניט קיין ריכטיגע דען אזוא זאגט אונז שלמה המע"ה דער וואס דעקט צוא זיינע זינד דער וועט ניט באגליקט זיין · דאס איז גירעט בייא אזעלכע עבירות וואס בין אדם לחבירו · אבער די עבירות וואס בין אדם למקום דארף מען ניט אלעמען מפרסם זיין נור ער מוז תשובה טאן פאר גאט ב"ה אונ פאר אים מוז ער אוים ריידין זיינע עבירות אונ מוז זיך מתודה זיין פאר פיל מענטשין אבער סתם ער זאל ניט ארוים ריידין זיינע עבירות דען עס איז פיל בעסער אז ער אנטפלעקט ניט זיינע עבירות אזוא וויא דוד המע"ה זאגט אשרי וואול דעם דער וואס דעקט צוא זיינע עבירות : ו) אפילו תשובה אונ בעטין בייא גאט איז גוט צוא יעדער צייט נור פון דעסט וועגין איז דיא בעסטע צייט צוא וויסין ראש השנה אונ יום כפור תשובה צוא טאן דען דאמאלסט ווערט דיא תשובה מער אן גינומען וויא אגאנץ יאר אזוא וויא אין

כל זמן שעושים תשובה וצועקין בלב שלם הן נענין שנאמר (דברים ד) כה' אלהינו בכל קראנו אליו : ז) יום הכפורים הוא זמן תשובה לכל ליחיד ולרבים והוא קץ מחילה וסליחה לישראל · לפיכך חייבים הכל לעשו' תשובה ולהתודות ביום הכפורים ומצות וידוי יום הכפורים שיתחיל מערב היום קודם שיאכל שמא יחנק בסעודה קודם שיתודה ואף על פי שהתודה קודם שיאכל חוזר ומתודה בלילי יוהכ"פ ערבית וחוזר ומתודה בשחרית ובמוסף ובמנחה ובנעילה והיכן מתודה יחיד אחר תפלתו וש"צ באמצע תפלתו בברכה רביעית : ח) הוידוי שנהגו בו כל ישראל אבל אנחנו חטאנו וכו' · והיא עיקר הוידוי · עבירות שהתודה עליהם ביום הכפורים זה חוזר ומתודה עליהם ביוהכ"פ אחר

פָּסוּק שְׁטֵייט פָּארְשְׁט גָאט אִין דִיא צַייט וָוען דוּא קֶענְסְט אִים פִינְדִין דָאס אִיז גִירֶעט אָבֶּער אַז אַיינֶער וִויל תְּשׁוּבָה טָאן · אָבֶּער אַז אַרַבִּים ווִילִין תְּשׁוּבָה טָאן אִיז גוּט צוּ יֶעדֶער צַייט וֶוען נוּר זַייא בֶּעטִין בַּייא גָאט מִיטִין גַאנְצִין הַארְצִין עֶנְטְפֶערְט עֶר זַייא אַזוּ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וֶוער אִיז אַזוֹא וִויא אוּנְזֶער גָאט וָואס עֶר עֶנְטְפֶערְט אוּנְז צוּא יֶעדֶער צַייט וֶוען נוּר מִיר רוּפִין אִים : ז) יוֹם כִּפּוּר אִיז דִיא צַייט פוּן תְּשׁוּבָה פַאר אַלֶעמֶען הֵין לְיָחִיד אוּנ הֵין לְרַבִּים אוּנ דַאמָאלְסְט אִיז דֶער עֶנְד פוּן פַאר גֶעבּוּנְג פַאר דִיא אִידִין אוּנ דֶערוּם זַיינֶען אַלֶע מֶענְטְשִׁין מְחוּיָב תְּשׁוּבָה צוּ טָאן אוּנ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּם יוֹם כִּפּוּר אוּנ דִי מִצְוָה פוּן וִידוּי אוּם יוֹם כִּפּוּר פַאנְגְט זִיךְ אָן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַאר נַאכְט אֵיידֶער עֶר גֵייט פַאר פַאסְטִין פַאר וָואס מוּז עֶר זִיךְ דַאמָאלְסְט מִתְוַדֶּה זַיין דֶען טָאמֶער וֶועט עֶר ח"ו דֶר וָוארְגִין וֶוערִין מִיט אַיין בִּיסִין אִין עֶסִין וֶועט עֶר בְּלַייבִּין אָן תְּשׁוּבָה אוּנ אֲפִילוּ אַז עֶר הָאט זִיךְ מִתְוַדֶּה גִיוֶועזִין פַאר דֶעם עֶסִין פוּן דֶעסְט וֶועגִין מוּז עֶר זִיךְ בַּייא דֶער נַאכְט נָאךְ אַמָאל מִתְוַדֶּה זַיין אוּנ אִין דֶער פְרִיא מוּז עֶר זִיךְ נָאךְ אַמָאל מִתְוַדֶּה זַיין אוּנ אִין מוּסַף נָאךְ אַמָאל אוּנ אִין מִנְחָה אוּנ אִין נְעִילָה מוּז עֶר זִיךְ נָאךְ אַמָאל מִתְוַדֶּה זַיין אוּנ וִויא זָאל עֶר זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אַיְחִיד נָאךְ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אוּנ דֶער חַזָן אִין מִיטִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִין דִיא פֶערְטֶע בְּרָכָה דָאס הֵייסְט נָאךְ וּבְכֵן תֵּן פַּחְדְךָ : ח) דִיא רֶעכְטֶע וִידוּי אִיז וָואס אַלֶע אִידִין זַיינֶען זִיךְ נוֹהֵג מִתְוַדֶּה צוּא זַיין אֲבָל אֲנַחְנוּ חָטָאנוּ אוּנ אַזוֹא וַוייטֶער וִויא אִין סֵדֶר שְׁטֵייט אוּנ דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִידוּי דִיא אַלֶע עֲבֵירוֹת

וואס

אף על פי שהוא עומד בתשובתו שנ' (תהלים נא) כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד : ט) אין התשובה ולא יוהכ"פ מכפרין אלא על עבירות שבין אדם למקום כגון מי שאמר דבר אסור וכיוצא בהן אבל עבירות שבין אדם לחבירו כגון החובל את חבירו או המקלל חבירו או גוזלו וכיוצא בהן אינו נמחל לעולם עד שיתן לחבירו מה שהוא חייב לו וירצהו אף על פי שהחזיר לו ממונו שהוא חייב לו צריך לרצותו ולשאול לו ממנו שימחול לו · אפילו לא הקניט את חבירו אלא בדברים צריך לפייסו ולפגע בו עד שימחול לו לא רצה חבירו למחול לו מביא לו שורה של שלשה בני אדם מריעיו ופוגעין בו ומבקשין ממנו לא נתרצה להן מביא לו שניה ושלישית לא רצה מניחו והולך לו · וזה שלא

וואס ער האט זיך מתודה געוועזין דעם יום כפור פון דעסט וועגין אז עס קומט איבער אַיאָר יום כפור מוז ער זיך נאך אַמאל אויף דיא זעלבע עבירות זיך מתודה זיין אונ אזו האט אונז דוד הע"ה גיזאגט דען מיינע זינד טוא איך ווישין אונ מיינע עבירות שטייט אלץ אנטקעגן מיר : ט) קיין תשובה העלפט ניט אונ אויך קיין יום כפור פאר גיט ניט נור דיא עבירות וואס דר מענטש זינדיגט אנטקעגן גאט אבער דיא עבירות וואס דער מענטש זינדיגט אנטקעגין זיין חבר דהיינו אז ער האט איינעם גיזידעלט אדער גישלאגין אדער גישאלטין אדער ער האט ביא איינעם גיגזלת אדער ער האט איינעם איין עולה גיטאן ווערט אים דיא אלע זאכין קיין מאל ניט פאר געבין פאר אידין ער מוז אוועק געבין זיין חבר וואס ער האט ביא אים גינומען אונ דען מוז ער אים איבער בעטין דאס ער זאל אים מוחל זיין וואס ער האט גיטאן אנטקעגין אים אונ אפילו ער האט אים נור דער צארינט מיט שלעכטע רייד מוז ער אים אויך איבער בעטין דאס ער זאל אים מוחל זיין אונ אז דער חבר וויל אים ניט מוחל זיין מוז ער ברייננגען מיט זיך א צייל פון דרייא מענטשין אונ זייא זאלין אים העלפין בעטין דאס ער זאל אים מוחל זיין אונ אויב ער איז דאך ניט מוחל מוז ער מיט ברייננגען אנדערע מיט זיך נאך אמאל אונ אויך אדריטין מאל ביז ער זאל אים מוחל זיין אונ אויב זיין חבר איז אים אלץ ניט מוחל דארף ער מעהר צוא אים ניט גיין דען איז דער מענטש וואס אים ניט מוחל דער זינדער

אבער

מחל הוא החוטא ואם היה רבו הולך ובא אפילו אלף פעמים עד שימחול לו : י) אסור לאדם להיות אכזרי ולא יתפייס אלא יהא נוח לרצות וקשה לכעוס ובשעה שמבקש ממנו החוטא לו למחול מוחל בלב שלם ובנפש חפצה ואפילו הצר לו וחטא לו הרבה לא יקום ולא יטור וזהו דרכם של ישרים ולבם הנכון : יא) החוטא לחבירו ומת חבירו קודם שיבקש ממנו מחילה מביא עשרה בני אדם ומעמידן על קברו ויאמר בפניהם חטאתי לה' אלהי ישראל ולפלוני זה שכך וכך עשיתי לו · אם היה חייב לו ממון יחזירו ליורשים לא היה יודע לו יורשין יניחנו בבית דין ויתודה :

# פרק שלישי

**כל** אחד ואחד מבני אדם יש לו זכיות ועונות מי שזכיותיו יתירות על עונותיו צדיק ומי שעונותיו יתירות על זכיותיו רשע מחצה

אבער אז ער האט גיזינדיגט אנטקעגין זיין רעבין מוז ער גיין צו אים אפילו טויזנד מאהל אים איבער בעטין ביז ער זאל אים מוחל זיין : י) דער מענטש וואס מען האט אנטקעגין אים געזינדיגט טאר ער קיין אכזר ניט זיין אונ זיך ניט לאזין איבער בעטין וויא דען ער מוז זיך לאזין גאנץ לייכט איבער בעטין אונ זאל ניט גיך אין כעס אריין קומען אונ אז זיין חבר בעט אים איבער מוז ער אים מוחל זיין מיטין גאנצין הארצין אונ מיטין גוטין ווילין אפילו אז ער האט אנטקעגין אים אסך גיזינדיגט אונ האט אים אפולע שלעכטעס גיטאן טאר ער אויך קיין פיינדשאפט אונ קיין נקמה ניט נעמען פון זיין חבר אונ דאס איז דער שטייגער פון דיא רעכט פארטיגע מענטשין וואס זיי האבין אן ארעכט פארטיגע הארץ : יא) אז איינער זינדיגט אנטקעגין זיין חבר אונ זיין חבר איז דער וייל גישטארבין איידער ער האט אים איבער גיבעטין מוז ער ברייגגען צעהן מענטשין אויף זיין חברס קבר אונ ער מוז זאגין פאר זייא איך האב גיזינדיגט צו גאט דעם אידעשין גאט אונ צוא דעם מענטשין וואס ער ליגט דא אונ אזוא אונ אזוא האב איך צוא אים גיטאן שלעכטס אונ אויב ער איז אים שולדיג געלט מוז ער אוועק לייגין ביא בית דין אונ מוז זיך מתודה זיין :

פרק ג יעדער מענטש האט מצות מיט עבירות דען איז אזוי ווער עס האט מער מצות אונ ווייניגער עבירות איז ער א צדיק אונ

ווער

על מחצה בינוני · וכן המדינה אם היו זכיות כל יושביה מרובים על עונותיהן ה"ז צדקת ואם היו עונותיהן מרובין הרי זה רשעת · וכן כל העולם כולו : ב) אדם שעונותיו מרובין על זכיותיו הוא מת ברשעו שנ' (ירמיה ל) על רוב עונך · וכן מדינה שעונותיהם מרובין היא אובדת שנ' (בראשית יח) זעקת סדום ועמורה כי רבה וגו' · וכן כל העולם כולו אם היו עונותיהם מרובין מזכיותיהן הן נשחתין שנאמר (שם ו) וירא ה' כי רבה רעת האדם · ושקול זה אינו לפי מנין הזכיות והעונות אלא לפי גדלם יש זכות שהוא כנגד כמה עונות שנאמר (מ"א יד) יען נמצא בו דבר טוב · ויש עון שהוא כנגד כמה זכיות שנאמר (קהלת ט) וחוטא אחד יאבד טובה הרבה · ואין שוקלין אלא בדעתו

ווער עס האט מער עבירות אונ ווייניגער מצות דער איז א רשע אז ער האט אבער ריכטיג העלפט מצות אונ העלפט עבירות דער ווערט אן גירופען א מיטעלער מענטש אונ דאס גלייכין איז אויך ביי א גאנצע מדינה אויב זיא האט מער מצות וויא עבירות איז זיא א פרומע מדינה אונ אויב זיא האט מער עבירות אונ ווייניגער מצות איז זיא א שלעכטע מדינה אונ דאס גלייכין איז אויך ביא דיא גאנצע וועלט אזוי : ב) איין מענטש וואס זיינע עבירות איז מעהר פאר זיינע מצות אזוי שטארבט ער ר"ל דורך זיינע עבירות אונ אזוי אויך שטייט געשריבן דורך דיינע פיל זינד וכו' אונ דאס גלייכען איין מדינה וואס איהרע זינד איז מער וויא איהרע מצות ווערט זיא אונטער גינאנגען דען אזוי שטייט אין פסוק דיא געשרייא פון סדום אונ עמורה איז צו פיל וכו' אונ דאס גלייכין אז דיא גאנצע וועלט איז צו פיל זינדיג גייען זייא אונטער דען אזוי שטייט אין פסוק גאט האט גיזעהן דאס עס איז צו פיל די שלעכטעס פון די מענטשין וכו' אונ דער וועגין ווערט ניט גיוואויגן נאך דעם צאהל נאך פון מצות אונ דיא עבירות נור נאך דיא גרוישקייט נאך דען עס גיבט אנדערע מצות וואס איין מצוה וועגט אריבער אסך עבירות אונ אזוי שטייט אויך גישריבין ווייל עס איז גיפונען גיווארין אין איהם א גוטע זאך אונ עס גיבט איין עבירה וואס וועגט אריבער וויא פיל מצות דען אזוי זאגט אונז שלמה המע"ה אונ איין זינד מאכט פער לירין פיל גוטעס אונ עס ווערט ניט גיוואויגען נור נאך דיא גידאנקען פון גאט ב"ה וואס

של אל דעות והוא היודע האיך עורכין הזכיות כנגד העונות: ג) כל מי שניחם על המצות שעשה ותהה על הזכיות ואמר בלבו ומה הועלתי בעשייתן הלואי לא עשיתי אותן ה"ז איבד את כולן ואין מזכירין לו שום זכות בעולם שנאמר (יחזקאל לג) צדקת הצדיק לא תצילנו ביום רשעו אין זה אלא בתוהא על הראשונות וכשם ששוקלין זכיות אדם ועונותיו בשעת מיתתו כך כל שנה ושנה שוקלין עונות כל אחד ואחד מבאי העולם עם זכיותיו ביו"ט של ראש השנה מי שנמצא צדיק נחתם לחיים ומי שנמצא רשע נחתם למיתה והבינוני תולין אותו עד יוהכ"פ אם עשה תשובה נחתם לחיים ואם לאו נחתם למיתה: ד) אע"פ שתקיעת שופר בר"ה גזרת הכתוב רמז יש בה כלומר עורו ישנים משנתכם ונרדמים הקיצו מתרדמתכם וחפשו

עֶר וַייס אַלֶע גִידַאנְקֶען אוּנ עֶר וַויס וִוי צוּ רֶעכֶענֶען דִי מִצְוֹת אַנְטְקֶעגִין דִיא עֲבֵירוֹת: ג) יֶעדֶערֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אוּנ עֶר טְרַאכְט זִיךְ אִין הַארְצִין צוּ וָואס הָאבּ אִיךְ גָאר גִיטָאן דִיא אַלֶע מִצְוֹת הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ בֶּעסֶער זֵייא גָאר נִיט גִיטָאן צוּא וָואס הָאבּ אִיךְ זֵיי נֵייטִיג אַזוֹ פַאר לִירְט עֶר אַלֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אוּנ הָאט קַיין שׁוּם גִידֵיינְקוּנְג נִיט פוּן קַיין שׁוּם מִצְוָה אוּנ קַיין שׁוּם זְכוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט דֶען אַזוֹ זָאגְט אוּנְז יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא דִיא גִירֶעכְטִיגְקֵייט פוּן צַדִיק וֶועט אִים נִיט מַצִיל זַיין אִין דֶעם טָאג פוּן זַיין שְׁלֶעכְטִיגְקַייט דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַז עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אוּנ אַזוֹ וִויא מֶען וֶועגְט יֶעדֶערִין מֶענְטְשִׁין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת· בְּשַׁעַת אַז עֶר שְׁטַארְבְּט אַזוֹ וֶועגְט מֶען זַיינֶע מִצְוֹת אוּנ זַיינֶע עֲבֵירוֹת אַלֶע יָאר· אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָׁנָה אוּנ וָוער עֶס וֶוערְט גִיפוּנֶען דַאמָאלְס אַצַדִיק וֶוערְט פַאר חַתְמֶת גְלַייךְ צוּם לֶעבִּין אוּנ וֶוער עֶס גִיפִינְט זִיךְ דַאמָאלְס אַרָשָׁע וֶוערְט עֶר פַאר שְׁרִיבִּין גְלַייךְ צוּם טוֹיט אוּנ וֶוער עֶס אִיז אַיין מִיטֶעלֶער מֶענְטְשׁ וַוארְט מֶען אִים בִּיז יוֹם כִּפּוּר· טוּט עֶר בִּיזְט יוֹם כִּפּוּר תְּשׁוּבָה וֶוערְט עֶר פַאר חַתְמֶת צוּם לֶעבִּין אָבֶּער אַז עֶר טוּט קַיין תְּשׁוּבָה נִיט פַאר חַתְמֶתן אִים ח"ו צוּם טוֹיט: ד) חָאטְשֶׁע בְּלָאזִין שׁוֹפָר אוּם רֹאשׁ הַשָׁנָה אִיז דָאךְ אַמִצְוָה מִן הַתּוֹרָה פוּן דָעסְט וֶועגִין אִיז אוֹיךְ דָא אִין אִיר אַרֶמֶז דָאס מֵיינְט מֶען אַז אַלֶע שְׁלָאפֶעריִקֶע זָאלִין זִיךְ אוֹיף

וואכין

במעשיכם וחזרו בתשובה וזכרו בוראכם אלו השוכחים את האמת בהבלי הזמן ושוגים כל שנתם בהבל וריק אשר לא יועיל ולא יציל הביטו לנפשותיכם והטיבו דרכיכם ומעלליכם ויעזוב כל אחד מכם דרכו הרעה ומחשבתו אשר לא טובה לפיכך צריך כל אדם שיראה עצמו כל השנים כולם כאלו חציו זכאי וחציו חייב · חטא חטא אחת הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף חובה וגרם לו (ולהם) השחתה עשה מצוה אחת הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה שנ' (משלי י) וצדיק יסוד עולם זהו שצדק עצמו הכריע את כל העולם לזכות

וואכין פון שלאף · אונ זאלין זיך זעהן נאך צו זוכין זייערע מעשים וואס זייא האבין גיטאן אגאנץ יאר · אונ זאלין זעהן תשובה צו טאן אויף זייערע עבירות אונ דער מאנט זיך אן אייער באשעפער די וואס פאר געסין זיך אן דעם ריכטיגין אמת אונ זייא פאר ברייענגען זייערע יארין אין נארעשקייט פון דער וועלט · וואס עס קען זייא דאס גאר ניט העלפין אונ קען זייא ניט מציל זיין · אז עס וועט קומען דער טאג וואס זייא וועלין דארפין אפ געבין רעכענונג פאר גאט · קוקט זיך ארום אביסיל פאר אייער נשמה אונ מאכט זיך צוא רעכט אייערע וועגין אונ אייערע מעשים אונ יעדער מענטש זאל אוועק לאזין זיין שלעכטע וועג · אונ זיינע שלעכטע גידאנקען אונ זעהן תשובה צוא טאן פאר גאט ב"ה · דערום מוז יעדער מענטש זיך פאר שטעלין אז ער איז העלפט זכאי אונ העלפט חייב · אונ די גאנצע וועלט איז אויך העלפט זכאי אונ העלפט חייב · אונ וויא באלד אז ער טוט דיא עבירה אזו וועגט ער אראפ זיך · אונ אויך דיא גאנצע וועלט צום כף חובה · אונ דען ברייענגט ער דורך זיין איין עבירה וואס ער האט גיטאן אפאר דארבונג אונ אכליה רח"ל אויף זיך אונ אויף די גאנצע וועלט אונ דאס גלייכין אבער אז ער טוט איין מצוה אזו איז מכריע אים מיט די גאנצע וועלט דורך די איין מצוה אונ ברייענגט גרויס הילף אונ גרויס גליק אויף אים אונ אויף די גאנצע וועלט · אונ אזו שטייט אויך אין פסוק אונ דער צדיק איז דער גרונד פון דער וועלט דאס מיינט מען אז דער צדיק איז זיך מכריע מיט די גאנצע וועלט דורך זיינע איין מצוה

והצילו ומפני ענין זה נהגו כל בית ישראל להרבות בצדק' ובמעשים טובים ולעסוק במצות מראש השנה ועד יום הכפורים יותר מכל ימות השנה · ונהגו כולם לקום בלילה בעשרת ימים אלו ולהתפלל בבתי כנסיות בדברי תחנונים ובכיבושין עד שיאור היום: ה) בשעה ששוקלין בדין שמים עונות אדם עם זכיותיו אין מחשבין עליו עון שחטא בו במה שבינו לבין המקום תחלה ולא שני אלא משלישי ואילך אם נמצאו עונותיו משלישי ואילך מרובין על זכיותיו אותן שתי עונות מצטרפין ודנין אותו על הכל · ואם נמצאו זכיותיו כנגד עונותיו אשר מעון שלישי ואילך מעבירים כל עונותיו ראשון ראשון לפי שהשלישי נחשב ראשון שכבר נמחלו השנים וכן הרביעי הרי הוא ראשון שכבר נמחל השלישי וכן עד סופו · במה דברים אמורי' ביחיד שנאמר (איוב לג) הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר · אבל הצבור תולין להם עון ראשון שני ושלישי שנאמר (עמוס ב) על

וואס ער האט גיטאן אונ האט זיי אלעמען מציל גיוועזין · דערום האבין זיך נוהג גיוועזין אלע אידין פון ראש השנה ביז יום כפור צו געבין פיל צדקה אונ טוען פיל מצות אונ מעשים טובים מעהר וויא אגאנץ יאהר אונ אויך זיינען זיך אלע נוהג אויף צו שטיין פאר טאג אין דיא אלע טעג אונ זאגין סליחות אונ תחנונים אונ מתפלל זיין אין דיא שולען אונ אין בתי מדרשים ביז טאג: ה) בשעת אז מען וועגט אויף יענער וועלט די עבירות פון מענשין מיט זיינע מצות איז דיא ערשטע צוויי עבירות ווערט אראפ גינומען פון שאל אונ אז געפינט זיך אן די צוויי עבירות אויך מעהר עבירות וויא מצות אזו לייגט מען שוין דיא ערשטע צוויי אויך צו אונ מען שטראפט אים שוין אויף אלע עבירות אבער אויב אן די ערשטע צוויי עבירות איז ריכטיג העלפט מצות אונ העלפט עבירות אזו נעמט מען ארונטער דיא ערסטע בלייבט דאך די דריטע איין ערסטע נאך הער נעמט מען אויך ארונטער דיא דריטע בלייבט דיא פערטע פאר איין ערסטע אונ אזו ווייטער אונ ווייטער ביז מען נעמט ארונטער אלע עבירות פון אים אונ עס ווערט אים פאר געבין אלע עבירות · דאס איז אלץ גירעט אז מען וועגט עבירות פון איהד אבער אז מען וועגט עבירות פון ארבים נעמט מען דריי עבירות ארונטער אונ אויב עס איז העלפט אויף העלפט דען פאנגט

מען

שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנו וכשמחשבין להם על דרך זה מחשבין להן מרביעי ואילך · הבינונים אם היה בכלל מחצה עונות שלהן שלא הניח תפילין מעולם דנין אותו כפי חטאו ויש לו חלק לעולם הבא · וכן כל הרשעים שעונותיהם מרובין דנין אותן כפי חטאן ויש להן חלק לעולם הבא שכל שנברא בצלם אלהים יש להם חלק לעולם הבא : ו) ואלו הן שאין להן חלק לעולם הבא אלא נכרתים ואובדים ונידונים על גודל רשעם וחטאתם האפיקורסין והכופרים בתורה הכופרים בתחיית המתים ובביאת הגואל ומחטיאי הרבים והפורשין מדרכי צבור הטובות והעושה עבירות ביד רמה בפרהסיא כיהויקים ומטילי אימה על הצבור שלא לשם שמים ושופכי דמים ובעלי לשון הרע : ז) אלה הן הנקראים מינים האומר שאין שם אלוה ואין לעולם מנהיג והאומר שיש שם רבון אחד

מען אן ארונטער צו נעמען פון די פערטע עבירה אן · דען אזו זאגט אונז דער נביא אויף דרייא זינד פון דיא ישראל וועל איך זייא ניט רעכענען אבער אויף פיר זינד וועל איך זיי שוין ניט ווידער קערין אונ אז מען האט ריכטיג העלפט מצות אונ העלפט עבירות אונ אונטער דיא עבירות איז פער האנדין אויך דיא עבירה וואס ער האט קיין תפילין גילייגט דען משפט מען אים נאך זיין עבירה נאך אבער חלק לעולם הבא האט ער · אונ דאס גלייכין אלע רשעים וואס האבין מער עבירות פאר מצות איז מען זיי דן אויף זייערע עבירות · אבער חלק לעולם הבא האבין זיי דען אלע מענטשין וואס זיינען באשאפין בצלם אלהים האבין אלע עולם הבא : ו) אונ די אלע מענטשין האבין קיין עולם הבא ניט נור זייא ווערין פאר שניטין אונ ווערין פארלארין אונ ווערין געמשפט לדורי דורות אויף זייערע גרויסע זינד דער וואס לייקענט אין דער תורה אונ איין אפיקורוס · אונ דיא וואס לייקענען אין תחית המתים אונ אין משיח אונ דיא וואס מאכין זינדיגען אנדערע אונ דיא וואס שיידין זיך אפ פון ציבור פון גאטס וועג אונ דיא וואס טוען עבירות אויפין ווערליך פיר אלעמען אין דיא אויגין אונ דיא וואס ווארפין איין מורא אויף דעם ציבור ניט לשם שמים אונ דיא וואס הארגענן אמענטשין אונ דיא וואס ריידין לשון הרע : ז) אט די ווערין אן גירופין מינים · דער וואס זאגט אז עס איז אויף דער וועלט קיין גאט ניט דא אדער

אבל שהוא גוף וכן האומר שאינו לבדו הראשון וצור לכל · כל אחד מאלו הוא מין : ח) שלשה הן הנקראין אפיקורסין האומר שאין שם נבואה כלל ואין שם מדע שמגיע מהבורא ללב בני האדם והמכחיש נבואתו של משה רבינו והאומר שאין הבורא יודע מעשה בני אדם כל אחד מג' אלו הן אפיקורסין : ט) אלו הן הכופרים בתורה האומר שאין תורה מעם ה' אפילו פסוק אחד אפילו תיבה אחת אם אמר משה אמרו מפי עצמו הרי זה כופר בתורה · וכן הכופר בפירושה והוא תורה שבעל פה : י) מחטיאי הרבים כיצד אחד שהחטיא בדבר גדול כגון ירבעם וצדוק וביתוס ואחד שהחטיא בדבר קל אפילו לבטל מצות עשה : יא) העושה עבירות ביד רמה כיהויקים בין שעשה קלות בין שעשה חמורות אין לו

קיין פירער אונ דער וואש זאגט אז עס איז דא אגאט אבער ער איז אויך אזו אמענטש וויא אלע אדער ער זאגט אז גאט איז ניט דער ערשטער באשפער די אלע מענטשין ווערין אן גירופין מינים : ח) דרייא איז פער האנדין וואס זיי ווערין אן גירופין אפיקורסים דר וואס זאגט אז עס איז קיין נבואה ניטא אויף דר וועלט אונ קיין שום וויסענהייט פון גאט קומט ניט צו קיין מענטשין אונ דער וואס לייקענט אפ דיא נבואה פון משה רבנו ע"ה אונ דער וואס זאגט אז גאט ב"ה וייס ניט פון דיא מעשים פון אלע מענטשין. דיא אלע ווערין אן גירופן אפיקורסים· ט) אונ די ווערן אן גירופין וואס לייקענען אין דער תורה דער וואס זאגט אז דיא תורה איז ניט פון גאט אפילו אז ער זאגט נור איין פסוק איז ניט פון גאט אדער איין ווארט איז ניט פון גאט נור משה רבינו האט דאס פון זיך אליין אויס גיטראכט ווערט דער מענטש אן גירופין כופר בתורה אונ דאס גלייכין דער וואס לייקנט אין דער באשיירונג פון דער תורה דאס מיינט מען תורה שבעל פה איז ער אויך אכופר בתורה : י) ווער ווערט אן גרופן מחטיא רבים דער וואס מאכט זינדיגין פיל מענטשין סיי ער מאכט זינדיגין מיט גרויסע עבירות אזוי וויא ירבעם אדער צדוק וביתוס אדער ער מאכט זינדיגין מיט אקליינע עבירה אמצות עשה ווערט ער אויך אן גירופין מחטיא רבים : יא) דער מענטש וואס טוט עבירות אויפין ווערליך פיר אלע מענטשין אין דיא אויגין אונ ער שעמט זיך פאר קיינעם ניט אזוא וויא יהויקים

סיי

חלק לעולם הבא וזהו הנקרא מגלה פנים בתורה מפני שהעיז מצחו וגילה פניו ולא בוש מדברי תורה: יב) ויש עבירות קלות מאלו ואעפ"כ אמרו חכמים שהרגיל בהן אין לו חלק לעולם הבא וכדאים הן להתרחק מהן ולהזהר בהן ואלו הן המכנה שם לחבירו והקורא לחברו בכנויו והמלבין פני חברו ברבים והמתכבד בקלון חבירו והמבזה תלמידי חכמים והמבזה רבותיו והמבזה את המועדות והמחלל את הקדשים במה דברים אמורים שכל אחד מאלו אין לו חלק לעולם הבא כשמת בלא תשובה אבל אם שב מרשעו ומת והוא בעל תשובה הרי זה מבני העולם הבא שאין לך דבר שעומד בפני התשובה אפילו כפר בעיקר כל ימיו ובאחרונה שב יש לו חלק לעוה"ב שנאמר (ישעיה נז) שלום שלום

סַיי עֶר טוּט גְרִינְגֶע עֲבֵירוֹת אָדֶער סַיי עֶר טוּט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת דָר מֶענְטְשׁ הָאט קַיין עוֹלָם הַבָּא נִיט דֶען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָן גִירוּפִין מְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה דֶען עֶר פֶּער שַׁייט זַיין שְׁטֶערִין אוּנ שֶׁעמְט זִיךְ נִיט פַאר דֶר תּוֹרָה וָואס זִי הַייסְט דָאס נִיט טָאן: יב) אוּנ דֶען גִיבְּט אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת לַייבְטֶערֶע פַאר דִי וָואס מִיר הָאבִּין דָא אוּיס גִירֶעכִינְט אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבִּין אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים גִיזָאגְט אַז דֶער וָואס אִיז אַיין גִיוֵוינְט אִין זֵיי אוּנ טוּט זֵיי פִיל מָאל הָאט אוֹיךְ קַיין עוֹלָם הַבָּא נִיט אוּנ דֶערוּם מוּז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ פוּן זַייא אוֹיךְ זֶעהֶן צוּ דֶער וַוייטֶערִין אוּנ זִיךְ אַיין הִיטִין וִויא וַוייט מִיגְלַאךְ אִיז אוּנ דָאס זַיינֶען זַייא דֶער וָואס טְרַאכְט אוּיס אוֹיף אַמֶענְטְשׁ אַיין צוּ נָאמֶען אָדֶער עֶר רוּפְט דֶעם חֲבֵר מִיט אַצוּ נָאמֶען אָדֶער דֶר וָואס פַר שֶׁעמְט זַיין חֲבֵר פַאר פִיל מֶענְטְשִׁין אוּנ דֶער וָואס עֶהרְט זִיךְ מִיט דֶעם שַׁאנְדֶע פוּן חֲבֵר· אוּנ דֶער וָואס אִיז מְבַזֶּה אַתַּלְמִיד חָכָם· אוּנ דֶער וָואס אִיז מְבַזֶּה זַיין רֶעבִּין· אוּנ דֶער וָואס פַאר שֶׁעמְט יוֹם טוֹב אָדֶער חוֹל הַמּוֹעֵד· אוּנ דֶער וָואס פַאר שְׁוֶועכְט קָדָשִׁים אָבֶער דָאס אִיז נוּר גִירֶעט גִיוָואֹרִין דָאס דִי אַלֶע הָאבִּין קַיין עוֹלָם הַבָּא אַז זֵיי שְׁטַארְבִּין אָן תְּשׁוּבָה אָבֶער אַז זֵיי הָאבִּין תְּשׁוּבָה גִיטָאן פַאר זֵייעֶר טוֹיט פוּן זַייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶעס אוּנ זֵייא זַיינֶען גִיוֶועזִין בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה הָאבִּין זֵיי גִיוִויס עוֹלָם הַבָּא דֶען קַיין זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר שְׁטֶעלְט נִיט קַיין תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ אַז עֶר הָאט כָּל יָמָיו גִילַייקֶענְט אָן גָאט אוּנ אוֹיפִין לֶעצְט הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גִיטָאן הָאט עֶר

עולם

לרחוק ולקרוב אמר ה' ורפאתיו · כל הרשעים והפושעים וכיוצא בהן שחזרו בתשובה בין בגלוי בין במטמוניות מקבלין אותן שנאמר (ירמיה ג) שובו בנים שובבים · אף על פי שעדיין בסתר שב ולא בגלוי מקבלין אותו בתשובה :

# פרק ד

**כ"ד** דברים מעכבין את התשובה ד' מהן עון גדול והעושה אחת מהן אין הקב"ה מספיק בידו לעשות תשובה לפי גודל חטאו ואלו הן המחטיא את הרבים ובכלל עון זה המעכב את הרבים מלעשות מצוה המטה את חבירו מדרך טובה לרעה הרואה בנו יוצא לתרבות רעה ואינו מוחה בידו הואיל ובנו ברשותו אילו מיחה בו הי' פורש ונמצא כמחטיאו · ובכלל עון זה

עוֹלָם הַבָּא דֶען אַזוֹ זָאגְט אוּנְז יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא פְּרִיד פְּרִיד צוּ דִיא וָואס זַיינֶען גִיוֶועזִין וַוייט פוּן גָאט אוּנ זַיינֶען גִיוָוארִין נָאהֶנְט צוּא גָאט · הָאט גָאט גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל זֵיי הֵיילֶען׳ אַלֶע רְשָׁעִים אוּנ זִינְדִיגֶער וָואס זֵייא הָאבִּין תְּשׁוּבָה גִיטָאן סַיי זֵיי הָאבִּין תְּשׁוּבָה גִיטָאן בְּגָלוּי פַר אַלֶעמֶען אִין דִי אוֹיגִין אָדֶער אִין דֶער שְׁטִיל נֶעמְט מֶען אָן זֵייעֶר תְּשׁוּבָה אַזוֹי וִוי יִרְמְיָהוּ הָאט אוּנְז גִיזָאגְט טוּט תְּשׁוּבָה אִיר ווילְדֶע קִינְדֶער קָאן מֶען דֶער פוּן זֶעהְן חָאטְשׁ עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גִיטָאן שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז מֶען אוֹיךְ מְקַבֵּל זַיין תְּשׁוּבָה :

**פרק ד** כ"ד דברים פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג זַאכִין אִיז פֶער הַאנְדִין וָואס פַר הַאלְט דִי תְּשׁוּבָה פִיר פוּן זֵיי וָואס עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוּנ דֶער וָואס טוּט אֵיינֶע פוּן זֵיי דֶען מַאכְט הקב"ה דָאס עֶר זָאל קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט טָאן וַוייל זַיין זִינְד אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּנ דָאס זַיינֶען זֵיי דִי פִיר עֲבֵירוֹת · דֶער וָואס מַאכְט זִינְדִיגִין אַרַבִּים מֶענְטְשִׁין אוּנ אוֹיךְ אִיז אִין דֶעם כְּלַל וֶוער עֶס הַאלְט אָפּ אַרַבִּים פוּן אַמִצְוָה צוּ טָאן אוּנ דֶער וָואס פִירְט אַרָאפּ זַיין חָבֵר פוּן גוּטִין וֶועג אִין אַשְׁלֶעכְטֶע וֶועג אוּנ דֶער וָואס זֶעהְט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זַיינֶען נִיט פְרוּם אוּנ עֶר שְׁטְרָאפְט זֵיי נִיט דֶען זַיין זוּן אִיז דָאךְ אִין זַיין רְשׁוּת אַז עֶר וָואלְט אִים גִישְׁטְרָאפְט וָואלְט עֶר גֶעוִויס זִיךְ אָפּ גִישֵׁייד פוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיז דָאס אַזוֹי גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט אִים אַלֵיין גִמַאכְט זִינְדִיגְן אִין דֶעם עוֹן אִיז פֶער הַאנְגְן אוֹיךְ דִי

עבירה

כל שאפשר בידו למחות באחרים בין יחיד בין רבים ולא מיחה אלא מניחם בכשלונם · האומר אחטא ואשוב ובכלל זה האומר אחטא ויום הכפורים מכפר: ב) ומהן ה׳ דברים הנועלין דרכי התשובה בפני עושיהם ואלו הן · הפורש מן הצבור לפי שבזמן שיעשו תשובה לא יהיה עמהן ואינו זוכה עמהן בזכות שעושין · המלעיג על המצות שכיון שנתבזו בעיניו אינו רודף אחריהן ולא עושן ואם לא יעשם במה יזכה · המבזה רבותיו · השונא את התוכחה שהרי לא הניח לו דרך תשובה שהתוכח׳ גורמת לתשובה שבזמן שמודיעין לו לאדם חטאיו ומכלימים אותו חוזר בתשובה כמו שכתוב בתורה (דברים ט) זכור אל תשכח · ממרים הייתם (שם כט) ולא נתן ה׳ לכם לב (שם לב) עם נבל ולא חכם · וכן

עֲבֵירָה אַז מֶען זֶעהְט אַז אֵיינֶער טוּט אַיין עֲבֵירָה אוּנ עֶר קָאן אִים אָפּ וֶוערִין פוּן דִיא עֲבֵירָה אוּנ עֶר וֶוערְט אִים נִיט אָדֶער מֶער מֶענְטְשִׁין וָואס טוּעֶן אַיין עֲבֵירָה אוּנ עֶר וֶוערְט זֵיי נִיט אוּנ לָאזְט זֵיי טָאן אוּנ דֶער וָואס זָאגְט אִיךְ וָועל זִינְדִיגִין אוּנ אִיךְ וֶועל נָאכְהֶער תְּשׁוּבָה טָאן אָדֶער אִיךְ וֶועל זִינְדִיגִין אוּנ יוֹם כִּפּוּר וֶועט מִיר פַאר גֶעבִין אִיז דִי אַלֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער תְּשׁוּבָה צוּ טָאן: ב) אוּנ פוּן זֵיי אִיז פֶערְהַאנְדִין נָאךְ פִינְף זַאכִין וָואס וֶוערְט פַאר שְׁלָאסִין דִיא וֶועגִין פוּן תְּשׁוּבָה פַאר דִי טֶענֶער וָואס טוּעֶן זַייא אוּנ דָאס זַיינֶען זֵיי · דֶער וָואס שֵׁייד זִיךְ אָפּ פוּן צִיבּוּר דֶען אַז זַייא וועלִין תְּשׁוּבָה טָאהְן וֶועט עֶר דָאךְ נִיט מִיט זַיין מִיט זֵיי אוּנ עֶר אִיז דָאךְ נִיט זוֹכֶה אִין דִיא מִצְוֹת וָואס זייא אַלֶע טוּעֶן אוּנ דֶער וָואס לַאכְט פוּן אַמִצְוָה דֶען וִוי בַּאלְד אַז עֶר לַאכְט פוּן דִי מִצְוָה וֶועט עֶר דָאךְ גִיוִוים נִיט נָאךְ יָאגִין צוּ טָאן אִיר אוּנ וִוי בַּאלְד אַז עֶר וועט דִי מִצְוָה נִיט טָאן נוּא מִיט וָואס זָאל עֶר זוֹכֶה זַיין · דֶער וָואס אִיז מְבַזֶּה זַיינֶע רַבָּנִים אוּנ דֶער וָואס הָאט פַיינְט שְׁטְרָאף רֵייד ווְארוּם וִוי בַּאלְד אַז עֶר הָאט פַיינְט שְׁטְרָאף רֵייד הָאט עֶר דָאךְ קֵיין וֶועג נִיט מִיט וָואס תְּשׁוּבָה צוּ טָאן דֶען דוּרְךְ שְׁטְרָאף רֵייד קוּמְט מֶען צוּ תְּשׁוּבָה דֶען אַז מֶען זָאגְט יֶענֶעם הֶערְצוּ דוּ הָאסְט גִיזִינְדִיגְט אוּנ מֶען פַאר שֶׁעמְט אִים דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה אַזוֹ וִוי אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט גִידֵיינְק פַאר גֶעס זִיךְ נִיט אָדֶער ווידֶער שְׁפֶּענִיגֶער זַייט אִיר גִיוֶועזִין אָדֶער עֶס שְׁטֵייט אוּנ גָאט הָאט אַייךְ נִיט גִיגֶעבִין אַיין הַארְץ צוּ פַאר שְׁטֵיין אָדֶער אַפָאלְג אַנַארִישֶׁע אוּנ נִיט קֵיין קְלוּגֶע

ישעיה הוכיח את ישראל ואמר (ישעיה א) הוי גוי חוטא ידע שור
קונהו מדעתי כי קשה אתה וכן צוהו האל להוכיח לחוטאים שנא'
(שם נח) קרא בגרון אל תחשוך וכן כל הנביאים הוכיחו לישראל
עד שחזרו בתשובה לפיכך צריך להעמיד בכל קהל וקהל מישראל
חכם גדול וירא שמים מנעוריו ואוהב להם שיהא מוכיח לרבים
ומחזירן בתשובה וזה ששונא את התוכחות אינו בא למוכיח ולא
שומע דבריו לפיכך יעמוד בחטאתיו שהם בעיניו טובים: ג) ומהם
ה' דברים העושה אותן א"א לו שישוב בתשובה גמורה לפי שהם
עונות שבין אדם לחבירו ואינו יודע חברו שחטא לו כדי שיחזיר
לו או ישאל ממנו למחול לו ואלו הן · המקלל את הרבים ולא
קלל אדם ידוע כדי שישאל ממנו כפרה · החולק עם גנב לפי
שאינו יודע גנבה של מי היא זו אלא הגנב גונב לרבים ומביא

און אַזוֹ זָאגְט אוּנְז יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא · הוֹי וֵויי גֶעשְׁרִיעֶן אִיר זַייט אַזִינְדִיגֶע
פָאלְג דֶער אָקְס וֵוייס זַיין קוֹיפֶער וָוער אִים הָאט גִיקוֹיפְט און אַזוֹ הָאט
עֶר אוֹיךְ וַויטֶער גִיזָאגְט רוּף מִיט דַיין הַאלְז און הֶער נִיט אוֹיף און
אַזוֹ אוֹיךְ דִי נְבִיאִים הָאבִּין אַלֶע גִישְׁטְרָאפְט דִיא יִשְׂרָאֵל בִּיז זֵיי הָאבִּין
תְּשׁוּבָה גִיטָאן דֶערוּם מוּזִין אִידְן זֶעהְן צוּ מַאכִין אִין יֶעדֶערִין שׁוּל אַיין
ת"ח און יְרֵא שָׁמַיִם פוּן זַיין יוּגֶענְד אָן און זַייעֶרֶער אַיין גוּטֶער פְרַיינְד
דָאס עֶר זָאל זֵיי שְׁטְרָאפִין אַלֶעמֶן און זָאל זֵיי מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין אָבֶּער
דֶער וָואס גֵייט קֵיין שְׁטְרָאף רֵייד הֶערִין און וִויל פוּן זֵייא נִיט וִויסִין
דֶער בְּלַייבְּט שְׁטֵיין בַּיי זַיינֶע עֲבֵירוֹת דֶען אִים דוּכְט זִיךְ אַז דָאס אִיז
אַזוֹ רֶעכְט און גוּט וַויא עֶר טוּט: ג) און עֶס אִיז פֶער הַאנְדִין פוּן זֵיי נָאךְ
פִינְף זַאכִין דֶער וָואס טוּט אַזוֹ קָאן עֶר קֵיין מָאהְל קֵיין רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה
נִיט טָאן וַוייל זֵיי זַיינֶען אַזֶעלְכֶע עֲבֵירוֹת וָואס בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ און
עֶר קָאן דֶעם חַבֵר נִיט וֶועמֶען עֶר הָאט גִיטָאן דִי בֵּייז כְּדֵי עֶר זָאל
אִים קָאנֶען אִיבֶּער בֶּעטִין דְהַיְינוּ אַז עֶר שִׁילְט אַרַבִּים מֶענְטְשִׁין און נִיט
אֵיינֶעם דָאס עֶר זָאל וִוישִׁין וֶועמֶען עֶר הָאט גִישָׁאלְטִין דֶען וַוייס עֶר
דָאךְ נִיט וֶועמֶען אִיבֶּער צוּ בֶּעטִין אָדֶער אַז מֶען הַאנְדְלְט מִיט גְנֵבוֹת
אִיז שְׁוֶוער תְּשׁוּבָה צוּ טָאן דֶען מֶען וַוייסְט דָאךְ נִיט בַּיי וֶועמֶען דֶער
גַנָב הָאט דָאס גִינַאנְבֶעט דָאס מֶען זָאל אִים אַוֶועק גֶעבִּין אִין דֶען
אִיז דִי עֲבֵירָה זַייעֶר גְרוֹיס דָאס עֶר מַאכְט דָאס דֶער גַנָב זָאל אַלְץ

מעהר

לו והוא לוקח ועוד שהוא מחזיק יד הגנב ומחטיאו · המוציא אבדה ואינו מכריז עליה עד שיחזירה לבעליה לאחר זמן כשיעשה תשובה אינו יודע למי יחזורי האוכל שוד עניים ויתומים ואלמנות אלו בני אדם אומללין הן ואינן ידועים ומפורסמים וגולים מעיר לעיר ואין להם מכיר כדי שידע של מי הוא ויחזירנו לו · המקבל שוחד להטות דין אינו יודע עד היכן הגיע הטייה זו וכמה היא כחה כדי שיחזיר שהדבר יש לו רגלים ועוד שהוא מחזיק יד זה ומחטיאו : ד) ומהן ה׳ דברים העושה אותן אין חזקתו לשוב מהן לפי שהן דברים קלים בעיני רוב האדם ונמצא חוטא והוא ידמה שאין זה חטא ואלו הן האוכל מסעודה שאינה מספקת לבעליה שזה אבק גזל הוא והוא מדמה שלא חטא ויאמר כלום אכלתי

מעהר גנבנען איז ער מחזיק ידי עוברי עבירה אונ אז איינער גיפינט איין פער לארענע זאך אונ ער לאזט ניט אויסרופין דאס ער האט דאס גיפונען אז דער בעל אבידה זאל קומען צו זיין שארין נאכהער אז ער וויל תשובה טאן אונ אוועק געבין וויים ער שוין ניט וועמען אוועק צו געבין אונ ווידער אז איינער וואס עסט אונ בארויבט יתומים אונ אלמנות אונ ארעמע לייט נאכהער אז ער וויל שוין תשובה טאן איז זייער שווער דען ער וויים ניט וואו זיי זיינען ווייל דיא מענטשין זיינען דאך עלינד אונ זיי ווערין פאר וואגילט פון שטאט צו שטאט · קען ער שוין זייא ניט פינדען ווער זיי זיינען אונ וואו זיי זיינען אונ דער וואס נעמט שוחד אפ צו נייגין דעם דין איז אים אויך שווער תשובה צו טאן · ווייל ער קאן דאך ניט משער זיין מיט וויפיל ער האט אים גיטאן דיא עולה אין דין אונ דען איז ער אויך מחזיק ידי עוברי עבירה : ד) אונ פון זיי איז פער האנדין נאך פינף זאכין אז מען טוט אזוי איז ניט גיוועהנטליך דאס מען זאל תשובה טאן אויף זיי ווייל די וועלט האלט דאס ניט פר קיין עבירה אונ אין אמת איז דאס אגרויסע עבירה אונ דאס זיינען זיי אז איינער עסט ביי אזעלכין וואס זיין מאל צייט איז ניט גינוג פאר אים אליין אויך דען פאר קנאפט ער דעם בעל הבית דאס איז אויף דעם ארט ווי גזלה אונ אים דוכט זיך דאס איז קיין עבירה ניט דען ער זאגט איך בין דאך ניט שולדיג ער האט דאך מיר אליין גיהייסין גיין עסין אבער יענער האט אים נור גיבעטין פאר שאנד אונ

אלא ברשותו · המשתמש בעבוטו של עני שהעבוט של עני אינו אלא כגון קורדום ומחרישה · ואומר בלבו אינן חסרים והרי לא גזלתי אותו · המסתכל בעריות מעלה על דעתו שאין בכך כלום שהוא אומר וכי בעלתי או קרבתי אצלה והוא א"י שראית העינים עון גדול שהיא גורמת לגופן של עריות שנאמר (במדבר ו) ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם · המתכבד בקלון חבירו אומר בלבו שאינו חטא לפי שאין חבירו עומד שם ולא הגיע לו בושת ולא ביישו אלא ערך מעשיו הטובים וחכמתו למול מעשה חבירו או חכמתו כדי שיראה מכללו שהוא מכובד וחברו בזוי · החושד כשרים אומר בלבו שאינו חוטא לפי שהוא אומר מה עשיתי לו וכי יש שם אלא חשד שמא עשה או לא עשה והוא אינו יודע שזה

אז איינר באנוצט זיך מיט דעם משכן פון ארעם מאן דען דאס מינסטע איז דער משכן פון ארעם מאן איין האק אדער אנאקער אונ ער טראכט זיך ביי זיך וואס ניץ איך דען אפ דער פון עס בלייבט דאך דער זעלביגער אבער דאס איז אויך גזל · אז איינער קוקט אויף איין ערוה טראכט ער ביי זיך וואס האב איך דען פאר איין עבירה גיטאן איך האב דאך ניט גילעגין מיט איר אונ אויך ניט גינעהנט צו איר אבער ער נייס ניט אז אן זעהן עריות מיט די אויגין איז אויך אגרויסער זינד ווארום דאס בריינגט צו די גרויסע עבירה · אויך דען אזו זאגט אונז די תורה איר זאלט זיך ניט אפ קערין נאך אייער הארצין · אז איר וועט זיך ניט פריער אפ קערין נאך אייער אויגין · אז איינער בעהרט זיך מיט זיין חברס שאנדע מיינט ער אויך אז דאס איז קיין עבירה ניט דען אפילו דער חבר איז גאר ניט דער ביי אונ ער זעהט גאר ניט זיין בזיון דהיינו ער האט באוויזין פר לייטין זיין קענטעניס אנטקעגין זיין חברס קענטעניס צו ווייזין דאס ער איז איין גרעסערר חכם אדר מער ירא שמים פר יענעם איז דאס אויך אגרויסע עבירה דען דורך דעם ווערט זיין חבר אין בזיון · אונ אז איינער איז חושד זיין חבר וואס יענער איז גאר ריין פון דעם איז דאס אויך אגרויסע עבירה אונ ער מיינט אז דאס איז גאר קיין עבירה ניט דען וואס האב איך אים גיטאן איך האב נור גימיינט אז ער האט דאס גיטאן עס קען זיין אז ער האט דאס גיטאן אונ עס קאן זיין דאס ער האט ניט גיטאן איז

דאך

עון שמשים אדם כשר בדעתו כבעל עבירות: ה) ומהן ה׳ דברים העושה אותן ימשך אחריהם תמיד וקשים הם לפרוש מהן לפיכך צריך אדם להזהר מהן שמא ידבק בהן והן כולן דעות רעות עד מאוד ואלו הן רכילות ולשון הרע ובעל חימה ובעל מחשבה רעה והמתחבר לרשע מפני שהוא לומד ממעשיו והן נרשמים בלבו הוא שאמר שלמה (משלי יג) ורועה כסילים ירוע׳ וכבר בארנו בהלכות דעות דברים שצריך כל אדם לנהוג בהן תמיד קל וחומר לבעל תשובה: ו) כל אלו הדברים וכיוצא בהן אע״פ שמעכבין את התשובה אין מונעין אותה אלא אם עשה אדם תשובה מהן הרי זה בעל תשובה ויש לו חלק לעולם הבא:

דָאךְ דָאס קֵיין עֲבֵירָה נִיט אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה דֶען דָער וַוייל גֶעמְט עֶר אוּנ לֵייגְט אַרַיין אַיין עֶרְלִיכִין מַאן אִין חֲשַׁד וָואס יָענֶער וַויים נָעבֶּעךְ נִיט פוּן וָואס צוּ זָאגִין: ה) אִין דֶעם גִיט נָאךְ פִּינְף זַאכִין וָואס דָער מֶענְטְשׁ טוּט דָאס אוּנ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוָוער זִיךְ דֶער פוּן אָפּ צוּ שֵׁיידִין דָאס נִיט צוּ טָאן׳ אוּנ דוּרךְ דֶעם וֶוערְט עֶר שׁוֹין אַזוֹ אַיין גִיצוֹיגִין אִין דִי עֲבֵירוֹת דָאס עֶר קָאן שׁוֹין קֵיין מָאל קֵיין תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיף זֵיי אוּנ דָאס זַיינֶען זֵיי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת רְכִילוּת אוּנ לָשׁוֹן הָרָע׳ אוּנ דֶער וָואס אִיז תָּמִיד אִין כַּעַס אוּנ דֶער וָואס טְרַאכְט אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען אוּנ דֶער וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ אַיין רָשָׁע דֶען וִויא בַּאלְד אַז עֶר בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ אַיין רָשָׁע וֶועט עֶר זִיךְ גִיוִוים אָפּ לֶערְנֶען פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶען וֶוערִין זֵיי שׁוֹין בַּייא אִים אִין הַארְצִין אַזוֹ אַיין גִיוָוארְצֶעלְט דָאס עֶס בְּלַייבְּט שׁוֹין בַּיי אִים וִויא אַיין גִיוואוֹנְהַייט אוּנ דִי זֶעלְבֶּע זָאגְט אוּנְז שְׁלֹמֹה הע״ה דֶער וָואס גִיזֶעלִינְט זִיךְ אוּנ בַּאהֶעפְט זִיךְ מִיט נַארֶען דָאס הֵייסְט מִיט רְשָׁעִים דֶער וֶועט צוּ בְּרָאכִין וֶוערִין׳ אוּנ דִי אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת הָאבִּין מִיר שׁוֹין אוֹיס גִירֶעכִינְט אִין הִלְכוֹת דֵעוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ הִיטִין פוּן זֵיי׳ אִיז שׁוֹין אַפְּשִׁיטָא אַבַּעַל תְּשׁוּבָה מוּז זִיךְ זֶעהְן גִיוִוים צוּ פִירִין זִיךְ אִין אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת אוּנ זִיךְ אָפּ הִיטִין פוּן אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת: ו) הָאץ מִיר הָאבִּין דָא אוֹיס גִירֶעכִינְט דִי אַלֶע זַאכִין וָואס עֶס אִיז מְעַכֵּב דִי תְּשׁוּבָה פוּן דֶעסְט וֶועגִין אַז מֶען טוּט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכִין

**רשות** לכל אדם נתונה אם רצה להטות עצמו לדרך טוב ולהיות צדיק הרשות בידו· ואם רצה להטות עצמו לדרך רעה ולהיות רשע הרשות בידו· הוא שכתוב בתורה (בראשית ג) הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע כלומר הן מין זה של אדם היה יחיד בעולם ואין מין שני דומה לו בזה הענין שיהא הוא מעצמו בדעתו ובמחשבתו יודע הטוב והרע ועושה כל מה שהוא חפץ וכיון שכן הוא פן ישלח ידו וכו׳ : ב) אל יעבור במחשבתך דבר זה שאומרים רוב גולמי בני ישראל שהקב״ה גוזר על האדם מתחלת ברייתו להיות צדיק או רשע אין הדבר כן אלא כל אדם (נ״א יכול) ראוי לו להיות צדיק כמשה רבינו או רשע כירבעם או חכם או סכל או רחמן או אכזרי או כילי או

אַרִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה וֶוערְט אִים זַיין תְּשׁוּבָה אָן גִינוּמֶען אוּנ עֶר הָאט עוֹלָם הַבָּא :

פרק ה עֶס אִיז גִיגֶעבִין רְשׁוּת צוּא יֶעדֶער מֶענְשִׁין אַז עֶר קָאן זִיךְ פִירִין אִין וָואס פַאר אַוֶועג עֶר וִויל אַלֵיין· אַז עֶר וִויל זִיךְ פִירִין אִין גוּטִין וֶועג אוּנ זַיין אַצַדִיק קָאן עֶר זִיךְ אַזוֹי פִירִין אוּנ אוֹיבּ עֶר וִויל זִיךְ פִירִין אִין שְׁלֶעכְטִין וֶועג אוּנ זַיין אַרָשָׁע קָאן עֶר אוֹיךְ אוּנ אַזוֹי זָאגְט אוּנְז אוֹיךְ דִיא תּוֹרָה הֵן פַאר וָואר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ שׁוֹין גִיוָוארִין אַזוֹי וִויא אֵיינֶער פוּן אוּנְז אוּנ עֶר וֵוייס דָאךְ שׁוֹין וָואס גוּטְס אִיז אוּנ וָואס שְׁלֶעכְטְס אִיז דְהַיְינוּ עֶר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וָואס הָאט בַּייא זִיךְ אַלֵיין זַיין דֵעָה אוּנ זַיין גִידַאנְקֶען צוּ וִויסִין וָואס גוּטְס אוּנ וָואס שְׁלֶעכְטְס אוּנ עֶר קָאן טָאן וָואס עֶר וִויל אַלֵיין דֶען הָאבִּין מִיר פוּרְכְט פִילַייכְט וֶועט עֶר נֶעמֶען פוּן עֵץ הַחַיִּים אוּנ וֶועט אוֹיךְ עֶסִין וֶועט עֶר דָאךְ לֶעבִּין אֵייבִּיג : ב) עֶס זָאל דִיר נִיט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף דַיין גִידַאנְקֶען אַזַא גְרוֹישֶׁע נַארֶעשַׁקַייט וָואס פִיל נַארֶעשֶׁע מֶענְטְשִׁין זָאגִין אַז גָאט ב״ה אִיז גוֹזֵר אוֹיף יֶעדֶערִין מֶענְטְשִׁין וִויא עֶר זָאל זַיין אַצַדִיק אָדֶער אַרָשָׁע אֵידֶער עֶר וֶוערְט גִיבָּארִין דֶער מֶענְטְשׁ זָאלְטוּ נִיט אַזוֹי דֵיינְקֶען דֶען דִיא זַאךְ אִיז נִיט אַזוֹי נָאר וִויא דֶען עֶס וֶוענְט זִיךְ אָן מֶענְטְשִׁינְס וִוילִין אַלֵיין דֶען יֶעדֶערֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר וִויל קָאן עֶר זַיין אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק וִויא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּנ פַאר קֶערְט

אז

שוע וכן שאר כל הדעות ואין לו מי שיכפהו ולא גוזר עליו ולא מי שמושכו לאחד משני הדרכים אלא הוא מעצמו מדעתו נוטה לאיזו דרך שירצה הוא שירמיהו אמר (איכה ג) מפי עליון לא תצא הרעות והטוב · כלומר אין הבורא גוזר על האדם להיות טוב ולא להיות רע · כיון שכן הוא נמצא זה החוטא הוא הפסיד את עצמו ולפיכך ראוי לו לבכות ולקונן על חטאיו ועל מה שעשה לנפשו וגמלה רעה הוא שכתוב אחריו (שם) מה יתאונן אדם חי וכו׳ וחזר ואמר הואיל ורשותנו בידינו ומדעתנו עשינו כל הרעות ראוי לנו לחזור בתשובה ולעזוב רשענו שהרשות עתה בידינו הוא שכתוב אחריו (שם) נחפשה דרכינו ונחקורה ונשובה : ג) ודבר זה עיקר גדול הוא והוא עמוד התורה והמצות שנאמר (דברים

אַז עֶר ווִיל קָאן עֶר זַיין אַזאַ גְרויסֶער רָשָׁע ווִיא יָרָבְעָם אָדֶער אַז עֶר ווִיל קָאן עֶר זַיין אַחָכָם אָדֶר אַנַאר אוּנ אַז עֶר ווִיל קָאן עֶר זַיין אַרַחְמָן אָדֶער אַבַּארֶעמְהֶערְצִיגֶער אָדֶער אַיין אַכְזָר אוּנ אַז עֶר ווִיל קָאן עֶר זַיין אַקַארְגֶער אָדֶער אַגְרויסֶער אויס בְּרֵיינְגֶער אוּנ דָאס דִיא אִיבֶּערִיגֶע אַלֶע מִדוֹת ווָאס עֶס גִיט נָאר קָאן עֶר אַלְץ זַיין ווִיא עֶר ווִיל אַלֵיין אוּנ הָאט גָאר נִיט ווֶער עֶס זָאל נֵייטִין צוּ אֵיינֶע פוּן דִיא אַלֶע מִדוֹת אָדֶער ווֶער עֶס זָאל אִים צוּא צִיעֶן צוּ אַיין זַאךְ אוּנ קֵיינֶער אִיז אִים נִיט גוֹזֵר אויף קֵיין זַאךְ נָאר עֶר אַלֵיין נֵייגְט זִיךְ פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם ווִילִין צוּא ווָאס פַאר אַדֶרֶךְ עֶר ווִיל גֵיין אוּנ דִיא זֶעלְבֶּע זָאגְט אוּנְז אויךְ דֶער נָבִיא יִרְמְיָהוּ אִין אֵיכָה פוּן גָאטְס מוֹיל גֵייט נִיט אויס קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס אוּנ קֵיין גוּטֶעס עֶר מֵיינְט דֶער בּוֹרֵא בַּאפֶעלְט נִיט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין גוּט אָדֶער עֶר זָאל זַיין שְׁלֶעכְט נֵייעֶרְט דֶר מֶענְטְשׁ ווָאס חָלִילָה זִינְדִיגְט דֶער טוּט זִיךְ אַלֵיין שָׁאדִין דָערִיבֶּער דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ ווֵיינֶען אוּנ קְלָאגִין אויף זַיינֶע זִינְד אוּנ ווָאס עֶר הָאט גִיטָאן שְׁלֶעכְט צוּא זַיין נְשָׁמָה דֶען זָאגְט ווִידֶער יִרְמְיָהוּ דֶער מֶענְטְשׁ בְּרויךְ צוּא קְלָאגִין אויף זַיינֶע זִינְד זֶעהֶען מִיר אַז דִיא בְּרֵירָה אִיז בַּייא דֶעם מֶענְטְשִׁין אִין דִיא הֶענְד דִיא שְׁלֶעכְטֶעס טוּט מֶען זִיךְ אַלֵיין דַארוּם בְּרויכִין מִיר תְּשׁוּבָה צוּא טָאן אויךְ מִיט דֶעם אֵייגֶענֶעם ווִילִין ווִיא דֶער נָבִיא זָאגְט מִיר זָאלִין נָאךְ זוּכִין אוּנְזֶערֶע ווֶעגִין אוּנ מִיר זָאלִין גוּט נָאךְ פָארְשְׁטִין אוּנ ווִידֶער קֶערִין זִיךְ צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא : ג) דָאס אִיז אַגְרויסֶר עִיקָר אוּנ דֶער זַייל פוּן דִיא תּוֹרָה וּמִצְוֹת ווִיא דֶער פָּסוּק זָאגְט ווֶעהְט

איך

לה) ראה נתתי לפניך היום את החיים וכתיב (שם יא) ראה אנכי נותן לפניכם היום · כלומר שהרשות בידכם וכל שיחפוץ האדם לעשות ממעשה בני אדם עושה בין טובים בין רעים ומפני זה הענין נאמר (שם ה) מי יתן והיה לבבם זה להם כלומר שאין הבורא כופה בני האדם ולא גוזר עליהן לעשות טובה או רעה אלא הכל מסור להם : ד) אלו האל היה גוזר על האדם להיות צדיק או רשע או אילו היה שם דבר שמושך את האדם בעיקר תולדתו לדרך מן הדרכים או למדע מן המדעות או (נ"א לדעת מן הדעות) לרעה מן הרעות או למעשה מן המעשים כמו שבודים מלבם הטפשים הוברי שמים האיך היה מצוה לנו על ידי הנביאים עשה כך ואל תעשה כך הטיבו דרכיכם ואל תלכו אחרי רשעכם והוא מתחלת ברייתו כבר נגזר עליו או תולדתו תמשוך אותו לדבר שא"א לזוז ממנו · ומה מקום היה לכל התורה כולה ובאיזה דין ובאיזה משפט נפרע מן הרשע או משלם שכר לצדיק השופט כל הארץ לא יעשה משפט · ואל תתמה ותאמר היאך יהיה האדם עושה כל מה שיחפוץ ויהיו מעשיו מסורין לו וכי יעשה

אִיךְ הָאבּ גִיגֶעבִּן פַאר אַייךְ הַיינְט דעם לֶעבִּין עֶר מֵיינְט דֶער ווִילִין אִיז בַּייא אַייךְ אִין דִיא הֶענְט דֶען מֶען קָען זִיךְ לֶערְנֶען צוּ טָאן גוּטְס אָדֶער חָלִילָה בֵּייז דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער פָּסוּק וֶוער וָואלְט גֶעבִּין זַייעֶרֶע הֶערְצֶער זָאלִין זַיין צוּא זֵייא דָאס הֵייסְט אִין זַייעֶר ווִילִין דֶען דֶער בּוֹרֵא נֵייט נִיט אוּנ בַּאפֶעלְט נִיט שַׁייא אוֹיף גוּטְס אָדֶער חָלִילָה אוֹיף בֵּייזֶעס נַייעֶרְט דָאס אִיז בַּיין מֶענְטְשִׁין אִין הַאנְד: ד) וֶוען גָאט וָואלְט בַּאפֶעלִין דָאס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַצַדִיק אָדֶער אַרָשָׁע אָדֶער דֶער נַאטוּר וָואלְט זַיין גִיבָּארִין צוּ טָאן שְׁלֶעכְטְס ווִיא דִיא נַארִין דֵיינְקֶען זִיךְ אוֹיס פוּן הַארְצִין דָאס עֶס מוּז אַזוֹי זַיין וָואלְט דָאךְ גָאט נִיט לָאזִין זָאגִין דוּרְךְ דִיא נְבִיאִים דוּא מֶענְטְשׁ טוּא אַזוֹי אָבֶּער נִיט אַזוֹי גֵייא אִין דִיא גוּטֶע וֶועגִין אָבֶּער נִיט אִין דִיא שְׁלֶעכְטֶע וֶועגִין אַז דָאס וָואלְט זַיין דֶער נַאטוּר קָען מֶען דָאךְ אַנַאטוּר גִיט אִיבֶּער מַאכִין וָואלְט דָאךְ חָלִילָה אָפּ גֵיין דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה דֶעם רָשָׁע וָואלְט מֶען גִיט בְּרוּיכִין צוּ שְׁטְרָאפִין אוּנ דֶעם צַדִיק נִיט גֶעבִּין שְׂכַר דֶער גָאט וָואס רִיכְט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וָועט עֶר חָלִילָה נִיט גוּט רִיכְטֶען וֶועסְטוּ אֶפְשֶׁר פְרֶעגִין

וויא

בעולם דבר שלא ברשות קונו ובלא חפצו והכתוב אומר (תהלים קלה) כל אשר חפץ ה׳ עשה בשמים ובארץ׳ דע שהכל כחפצו יעשה ואע"פ שמעשינו מסורין לנו כיצד כשם שהיוצר חפץ להיות האש והרוח עולים למעלה והמים והארץ יורדים למטה והגלגל סובב בעיגול וכן שאר בריות העולם להיות כמנהגן שחפץ בו ככה חפץ להיות האדם רשותו בידו וכל מעשיו מסורין לו ולא יהיה לו לא כופה ולא מושך אלא הוא מעצמו ובדעתו שנתן לו האל עושה כל שאדם יכול לעשות לפיכך דנין אותו לפי מעשיו אם עשה טובה מטיבין לו ואם עשה רעה מריעין לו הוא שהנביא אומר (מלאכי א) מידכם היתה זאת (ישעיה סו) גם המה בחרו בדרכיהם וכענין זה אמר שלמה (קהלת יא) שמח בחור בילדותך ודע כי על כל אלה יביאך האלהים במשפט כלומר דע שיש בידך כח לעשות ועתיד אתה ליתן את הדין: ה) שמא תאמר והלא הקב"ה יודע כל מה שיהיה וקודם שיהיה ידע שזה יהיה צדיק או רשע או

וִויא אַזוֹי קֶען דָאס אַלְץ זִיךְ וֶוענְדִין אָן אוּנְז אַלֵיין צוּא קֶען דֶען אַמֶענְטְשׁ טָאן אָן גָאטְס ווִילִין דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ וָואס גָאט ווִיל דָאס טוּט עֶר שַׁייא אִין הִימִיל אוּנ אוֹיף דִיא עֶרְד וָועל אִיךְ דִיר זָאגִין עֶס טוּט זִיךְ דָאךְ וֶוענְדִין אָן אוּנְז אוּנ דֶער צוּ אִיז מִיט זַיין ווִילִין אוֹיךְ לְמָשָׁל גָאט ווִיל אַז פַּייֶער אוּנ ווִינְד זָאל זַיין אִין דֶער הוֹיךְ אוּנ וַואסֶער אוּנ עֶרְד אִין דֶער נִידֶער אוּנ דֶער גַלְגַל זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אִין עִיגוּל אוּנ אַזוֹי אַלֶע זַאכִין וָואס עֶס גִיפִינְט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי ווִיל גָאט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבִּין דֶעם ווִילִין בַּיי זִיךְ אוּנ עֶר נֵייט קֵיין אֵיינְצִיגִין מֶענְטְשִׁן חַס וְשָׁלוֹם נֵייעֶרְט מִיט דֶעם שֵׂכֶל וָואס גָאט הָאט אִים גִיגֶעבִּין קֶען עֶר אַלְץ טָאן דֶערִיבֶּער שְׁטְרָאפְט מֶען אִים נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים הָאט עֶר גִיטָאן גוּטְס טוּט מֶען אִים אוֹיךְ גוּטְס הָאט עֶר גִיטָאן חָלִילָה שְׁלֶעכְטְס טוּט מֶען אִים אוֹיךְ חָלִילָה שְׁלֶעכְטְס דְרִיבֶּער זָאגְט דֶער נָבִיא פוּן אַייעֶרֶע הֶענְט אִיז דָאס אַלְץ גִיוֶועןְ אוּנ ווִידֶער זָאגְט דֶער נָבִיא זַייא הָאבִּין אוֹיךְ אוֹיס דֶער ווַיילְט זַייעֶרֶע וֶועגִין שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט דוּא יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ פְרֵייא זִיךְ אִין דַיין יוּגִינְט אוּנ ווַייס אַז אוֹיף אַלֶעם וֶועט דִיר גָאט בְּרֵיינְגֶען צוּם דִין מַחֲמַת דוּא הָאסְט דֶעם ווִילִין אַלֵיין: ה) טָאמֶער וֶועסְטוּ וֶועלִין פְרֶעגִין ווִיא בַּאלְד גָאט ווַייס וָואס עֶס וֶועט זַיין אוּנ אֵיידֶער עֶס קוּמְט

